וויסן מיר געגוי אַז דער שונא האָט אויסגענוצט די אומוויסנקייט פון לאַנד און אַריינגעבראַכט אַ פינפטן קאָלום. ווען מען דערמאָנט — Sir Walter Roleigh, וויסן מיר, אַז ריטערלעכקייט האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

נאַטירלעך קען מען ברענגען הונדערטער אַזעלכע ביישפּילן, אָבער מיר גייט ניט אין באַווייזן די חריפות פון דער ענגלישער שפּראַך, נאָר אַז קפיצת הדרך איז נישט קיין נאַציאָנאַלער שטריך אין קיין שפּראַך. — — —

*

עס איז זיכער אייער מעלה וואָס איר לייענט און טראַכט איבער, אָבער די ביישפּילן וואָס איר ברענגט געהערן צו דעם מין פון שפּראַכלעכע אידיאָמען, פאָלקס־ווערטלעך. אַזעלכע אידיאָמען האָבן אַלע לשונות און אויך די אידישע שפּראַך. צום ביישפּיל, אויף באַגעגענען עמעצן זייער פריינטלעך זאָגן מיר אין אידיש „אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס״, אָדער „געעפנט פאַר אים טיר און טויער״ א. אַ. וו. דער אויסדרוק אין ענגליש „אויסגעלייגט אַ רויטן טעפּיך״ אַנטהאַלט אין תוך דאָס זעלביקע ווי „געעפנט טיר און טויער״. דאָס איז שפּראַכלעכע עשירות וואָס אַלע לשונות האָבן זייערע קעמערלעך פאַר דעם. זיי זיינען איינשטאָקיקע אויסדרוקן וואָס גייען ניט העכער פון דעם וואָס זיי זאָגן.

אַנדערש איז מיט קפיצת הדרך. עס איז נישט קיין אידיאָם, קיין ווערטל, עס איז לויטער גייסטיקייט, אַ אידישער נאַציאָנאַלער באַגריף. קפיצת הדרך מיינט אין ווערטערלעכן טייטש — איבערשפּרינגען איבער רוים, נעגירן שטח, אים אַוועקמאַכן ווי ער וואָלט גאָרניט זיין. עס איז מבטל מאַכן אי רוים, אי צייט, וויל קפיצת הדרך געשעט אין אַן אויגנבליק. פאַר קפיצת הדרך דאַרף מען נישט קיין שום קאָנקרעט, נישט קיין כישוף־רינגל, נישט קיין פליענדיקן טעפּיך, נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, קיין שום דויער נישט. אליהו הנביא קומט וואו מען דאַרף אים כהרף עין, מיט קפיצת הדרך. עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן דורות, און עס איז נישטאָ קיין מחיצה פון גרענעצן.

בלויז אַ פאָלק, וואָס שטייט אייביק אונטער סכנות און בלויז דער נס האָט געקענט אויף דער רגע מציל זיין, איז מסוגל געווען צו שאַפן אַזאַ באַגריף ווי קפיצת הדרך. בלויז ביי אַ פאָלק וואָס זיין גאָט האָט ניט קיין געשטאַלט און קיין גוף האָט מען געקענט אויסחלומען אַזאַ באַוועגונג וואָס איז אויסער שטח און אויסער צייט — לויטער רוחניות. איז דאָס דעריבער אַ אידישער נאַציאָנאַלער באַגריף, וואָס שטאַמט פון באַזונדערן אידישן גורל.

די אידישע פּאָעזיע באַזיצט אָט אַזעלכע נאַציאָנאַלע באַגריפן, וואָס זיינען אַ פועל יוצא פון אידישן גורל אין אַ סך דורות.

---

„סביבה״ — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**
Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy
*Editor:* K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.
[PRINTED IN U.S.A.] 253

# סביבה

## פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק


א שורה פון אַ יחוס בריוו.....ק. מ. 2
אָ, גאָט (ליד).....רחל ה. קאָרן 4
דע מה שתשיב.....מלך ראַוויטש 5
דער פעטער אהרן בער (פּאָעמע).....אפרים אויערבאַך 9
פון עניוות ווענן.....אברהם קריב 12
צוויי לידער וועגן אַלטן.....יעקב גלאַטשטיין 17
צוויי מרגלים (דערציילונג).....שמואל איזבאַן 20
רבי אברהם מלאכם חתונה (פּאָעמע).....יעקב פרידמאַן 26
וועגן יהודה לייב גאָרדאָנס דערציילונגען.....שמחה לעוו 30
שאָטנס פון געדענקען (ליד).....מלכה חפץ טוזמאַן 37
שאַפער און קריטיק.....א. לעיעלעס 38
די לעצטע נאַכט (פון דער פּאָעמע „פּוילן 1947״).....יוסף רובינשטיין 43
אַ ליד.....רחל פישמאַן 44
וועגן ליד.....בעריש ווײַנשטיין 45
פרייטיק אויף דער נאַכט (פון דער פּאָעמע „דער שטיינהעקער פון ראשון״).....קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 47
ארום „די פרייד פון אידישן וואָרט״.....גבריאל פרייל 53
מדרש צו מגילות אסתר און רות.....משה שטאַרקמאַן 55
„זון איבער אַלץ״ פון רחל פישמאַן.....ק. מאָלאָדאָווסקי 58
אַ שכן (דערציילונג).....יהודה יערי 60


נומער 7
אלול, תשכ״ב — סעפטעמבער, 1962
ניו־יאָרק, נ. י.

# אַ שורה פון אַ יחוס־בריוו

אידישע שרייבער, צי זיי שרייבן אין אידיש, אָדער אין העברעאיש, האָבן דעם באַוואוסטזיין פון טראָגן דעם יחוס־בריוו פון די נביאים. אַ שורהלע פון דעם אור־אַלטן יחוס־בריוו ווערט אַמאָל אַרויפגעבראַכט אין אַ ליד, אין אַן עסיי, אָדער אַן עפנטלעכן שמועס. אָבער פון דעם אַלטן יחוס־בריוו זיינען דאָ אַ היפש ביסל אָפּווייכונגען אין אונזער צייט.

די שאַפונגען פון די נביאים און די ווערק פון די מאָדערנע אידישע שרייבער געהערן צו באַזונדערע תחומים. די פאָר טויזנט יאָר וואָס שטייען צווישן זיי איז אַ מחיצה נישט נאָר אין צייט, נאָר אין די אופנים פון ווענדן זיך צו מענטשן דורך וואָרט.

דער נביא, וואָס האָט גערעדט פאַרן פאָלק, אָדער פאַרן מלך, האָט ניט געהאַט אין זינען זיין ווערק, וואָס ער שאַפט בשעת מעשה — די נבואה. ער האָט ניט אויסגעקוקט אויף אַן אָפּרוף פון קריטיקער. דאָס געשאַפענע ווערק, די נבואה, איז פאַרן מחבר גופא ניט געווען קיין עיקר. אים איז געגאַנגען אין מתקן צו זיין עפעס. ער איז געווען דורכגענומען מיט די געשעענישן פון טאָג — די פּאָליטיק וואָס עס פירט דער מלך, אָדער די ליידן פון דעם באַוואולטן יחיד, וואָס מען קען זיי לינדערן דורך גערעכטיקייט.

אין דעם ווייגאָרטן פון געזאַנג, פון שירה זיינען די נביאים אַריינגע־פאַלן ניט־ווילנדיק, אָן מחשבה תחילה. זיי האָבן אַוודאי ניט געהאַט אויפן זינען אַז זיי וועלן ווערן מוסטערן פאַר בילדלעכקייט, פאַר פאַטאָס, פאַר פּאָעטישן אויפטו. נעמענדיק אויף דער דלאָניע בלויז דעם היינטיקן טאָג, מיט זיין זאָרג און פּלאָג, האָבן זיי „צופעליק און ניט־ווילנדיק" דערגרייכט דעם וויטסטן פאַרנעם פון זייערע אידייען און דעם העכסטן שטאַפּל פון דיכ־טערישן אויסדרוק פאַר דעם. אָבער ביי זיי איז דאָס געווען אַ „נישט דאָס בין איך אויסן". אויסן איז דער נביא געווען מען זאָל אים פּאָלגן, ווייל ער ברענגט די רייד פון גאָט. ער איז בסך־הכל אַ שליח. און טאַקע גאַנץ אָפט בעטן זיך די נביאים ביים רבונו של עולם ער זאָל זיי לאָזן צורו און אויס־קלייבן אַן אַנדער שליח. זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ שליחות און ניט פאַר קיין אויסדרוק פון „טאַלאַנט".

דער שרייבערשער באַרוף, ווי ער אַנטפּלעקט זיך איצט, אין אונזער צייט, איז, אמת, אויך אַ מין שליחות — איבערזיפּן די ווייץ און אַרויסווינטלען פון דאָרט די פּלעווע פון לעבן, אָבער די מיטלען זיינען אַנדערע. דער שריי־בער זעט זיין ענדציל אין דעם געשאַפענעם ווערק, גאָר אין היפוך פון דעם נביא וואָס האָט זיין רעדע ווי אַ ווערק אינגאַנצן אין זינען ניט געהאַט. דער נביא איז אַרויס אויפן גערויש פון טאָג און דער שטורעם האָט אים פאַר־טראָגן אויפן באַרג וואו ער איז געשטאַנען; דער מאָדערנער שרייבער, מעג ביי זיין שכן ברענען דער דאַך, שרייבט ער זיין פּאָעמע וועגן די אַלפּן־בערג, צום ביישפּיל. דער נביא האָט צוגעטראַכט משלים, כדי דורך זיי צו ענדערן די פאַרקרימונגען פון דערווירקלעכקייט; דער מאָדערנער שרייבער נעמט די ווירקלעכקייט און דרינגט אַרויס פון איר משלים, נישט אַנדערש אַז זיי זאָלן אַנטשפּרעכן די פאַרשיידענע געזעצן פון עסטעטיק, האַרמאָניע וכדומה. דאָס איז זיין ענדציל, אין בעסטן פאַל, זיין נאָענטסטער ענדציל. דער וועג איז אפשר אַ פּאַראַלעלער, אָבער נישט דער זעלביקער.

דער וועג פון דער מאָדערנער שרייבער־וועלט איז הימל־וויט פון דעם



וועג וואָס דער נביא האָט געטראָטן איבער אים: קריטיק, פאַרלעגעריי, פּרעמיעס, איבערזעצונגען וכו'. דאָס ווערק איז געוואָרן אַ סחורה, אַ האַנדל, אַ גרויסע פאַרצווייגטע אינדוסטריע. דער מאָדערנער שרייבער, כאָטש ער טראָגט אין זיך אפשר אַן אויסגעחלומטן וועלט־באַגריף, האָט ער אָבער אָנ־גענומען די אינדוסטריע מיט אירע אינסטאַנצן און איז איינגעגאַנגען אויף די אַלע „פּרפּראות" וואָס זיי פאָדערן: פּרסום, פאָטאָגראַפיעס, וואָכעדיקע זאַכן וואָס געהערן צו דער אינדוסטריע און ניט צו זיין אייגנטלעכן באַרוף.

דער שרייבער האָט זיך אויף דעם אופן וויט אַוועקגערוקט פון זיין אור־פאָטער, דעם אַמאָליקן נביא; אַזוי וויט אַוועקגערוקט, אַז ער געפינט זיך איצט אין אַן אַנדער תחום. ער האָט מיט אים כמעט קיין שייכות ניט, — אין זיין טעגלעכער אויפפירונג און אַפילו אָפטמאָל אין זיינע פאָדערונגען צום אַרום. דער נביא האָט געפאָדערט מען זאָל אים פאָלגן, ווייל דאָס איז געווען דער צוועק פון זיינע טואונגען; דער מאָדערנער שרייבער פאַרלאַנגט מען זאָל אים אָנערקענען.

דער אור־פאָטער האָט פאַר זיין פייערדיקער עקשנות און פאַר אויספירן זיין באַרוף בשלמות באַקומען דעם לוין פון אַן „איש ריב ומדון" (ירמיהו); דער מאָדערנער שרייבער ווען ער טוט זיין אַרבעט בשלמות באַקומט ער דעם לוין וואָס איז אייגנטלעך דער אינדוסטריע — אַ האַנדל ווי יעדער האַנדל.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער אור־פאָטער, דער נביא, האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין יורש, דעם מאָדערנעם אידישן שרייבער, און ער איז בקפיצת הדרך געקומען צו זיינעם אַ יובל יום־טוב, וואו דער בעל־היובל ווערט געלויבט און געאַכפּערט, גערימט און געשוינט. וואָס דער אור־פאָטער וואָלט געזאָגט איז שווער צו וויסן, מען קען זיך משער זיין, אַז ווען ער וואָלט עפּעס געזאָגט, וואָלט מען אים משלח געווען צו זיין אור־אַלטער דירה וואו ער האָט געוואוינט מיט אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק און קיינער וואָלט ניט געבענקט נאָך אים.

די גייסטיקע שינויים אין אידישן לעבן פילט דער אידישער שרייבער. און דער דיכטער י. י. סיגאַל, וואָס האָט געקלאָגט אויף דער אויסגעוועפּטקייט פון אַלטער אידישקייט, זאָגט אין אַ ליד:

דו מיינסט אויף אַן אמת, אַז אונז פּאַסט נאָך אַ שבת?  
אַז אונז פּאַסט נאָך אַ יום־טוב? אַ שענערער הולך?

דיר חלומט נאָך אַלץ זיך אַ שבת מיט רו,  
מיר האָבן אים לאַנג שוין אין וועג אָנגעוואָרן.  
דער נביא פון גאַס — דער פּאָעט, זאָגט אונז צו —  
מיר וועלן אים אפשר געפינען, באַגעגענען וואו,  
איך וויס בעסער פון אים, אַז ניט איך און ניט דו  
וועלן אַהין ניט דערגיין, ניט דערפאָרן.  
מיר טאָרן אַהין ניט דערגיין, ניט דערפאָרן.

(„לעצטע לידער", זייט 226)

אָבער אָפּשטאַם קען מען פונדעסטוועגן ניט פאַרלייקענען. און פון צייט צו צייט וועקט זיך אויף ביים מאָדערנעם שרייבער אַן עכאָ פון זיין אָפּשטאַם. דעמאָלט נעמט ער אַרויס דעם יחוס־בריוו און פאַררופט זיך אַז ער שטאַמט פון די נביאים. אונטער זייער שוץ ברענגט ער אַרויס זיין חלום־וועלט, וואָס איז אַוודאי און אַוודאי אַנדערש ווי די ווירקלעכקייט. אַזוי האָט געטאָן י. ל.

פּרץ אין זיין ליד: „מיינט ניט די וועלט איז אַ הפקר”, אַזוי האָט איצט געטאָן חיים הזז אין זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר פון העברעאישע שרייבער. דאָס איז אָן עכאָ פון דעם אַמאָל, אָבער בלויז אַן עכאָ. עס זעט אויס כמעט איראָניש וואָס דאָס ווערט אויפגעכאַפּט און צעצוקערט פון דער זעלביקער אינדוסטריע וואָס האָט דעם באַרוף פון וואָרט פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה ווי אַלע סחורות וואָס מען פאַרקויפט זיי אויפן מאַרק מיט סוחרישער לויב.

דעם יחוס־בריוו דאַרף מען פונדעסטוועגן טייער האַלטן, ווייל ער איז דאָס געוויסנס־פּינטל אי פון דעם שרייבער, אי פון דער געזעלשאַפט.

ק. מ.

*

רחל ה. קאָרן

## אָ, גאָט

אָ, גאָט,
וויפל חשבון מיט דיר
אין מיינע חשוונדיקע טעג —

האָסט מיר געגעבן צו פאַרזוכן
די מרורים פון לעבן
פון אַ יעדן מין,
און ס'איז דער ביסן ברויט,
וואָס כ'עס אַ יעדן טאָג
ביט'רער פון פּאָלין.

ס'שניידט איצט עמעץ די תבואה
פאַרזייט
אויפן אַש
פון אַלץ,
וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיט מיר
דורך ליבשאַפט,
דורך טרויער,
דורך פרייד.

איך שטיי אינמיטן פון אַנטבלעטערטער צייט
ווי אַ נאַקעטער בוים —
און דאָך בין איך גרייט
אַריינצונעמען אין אַ רגע איינציקער,
ווי אין אַ ראָם
דעם זיפץ פון מענטש,
דעם אָטעם פונעם ים,
דעם אָנהויב פון אַ ליד,
דעם המשך פון אַ טרוים



און בלייבן אַלץ פאַרגאַפט,
און בלייבן אַלץ דערשטוינט,
ווי אַ קינד אין שפּיל ביים סאַמע ראַנד פון תהום.

און כ'וויל נישט קוקן,
כ'וויל נישט זען,
אַז ס'רוקן זיך אויף זייערע בייכער
כמאַרעס
נידעריק און שווער,
ווי חיות אין אַ רויב־געיעג,
גרייט צו פאַרצוקן אַלץ, וואָס איז אין וועג
צוגלייך מיט מיינע חשוונדיקע טעג.

*

מלך ראַוויטש

## דע מה שתשיב...

(מעדיטאַציעס אויף אַ ביטערער טעמע)

1. נישטאָ נאָך אויף דער וועלט אַזאַ דראַמאַטיש־טראַגיש פאָלק, ווי אונזערס, דאָס אידישע. נישטאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס פענאָמענען פון זיין עקזיס־טענץ זאָלן אָפּט האָבן אַזאַ פּאַראַדאָקסאַל אַנדערשדיק מזל.

2. נעמט — למשל — לשון. אַזאַ ערבוביה אויף דעם געביט, ווי ביי אונז, איז גאָר אין גאַנצן אויף דער וועלט עפּעס ענלעכס נישטאָ ביי אַ פאָלק. פּלוצלונג איז געווען אַ לשון — עברית — און איז — אַזוי ווי באַלד געבוירן געוואָרן פּערפעקט, און געשאַפן ווערק, וואָס זייער שפּראַכלעכער סטיל איז אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער און אַלע יאָרטויזנטער. איז דאָס לשון ווי אַ ליניע, ווי אַ שטאַם. און אַרום אים וואַקסן צווייגן און פאַלן צווייגן און בלייבן אויך צווייגן. צווייג־לשונות. זיי זיינען אָפּטמאָל אַזוי מעכטיק, אַז עס דאַכט זיך, אַז אָט וועלן זיי ווערן דער שטאַם און דער שטאַם וועט דין ווערן, אַראָפּ צו דער צווייטער מדרגה. געמאָסטן מיט דער אייביקייט פון שטאַם־לשון איז דאָס פאַרוואַנדלען דאָס אייביקע לשון אין אַ גערעדט, וואָכעדיק לשון — גאָרנישט קיין גינציקע דערשיינונג. אָבער דאָס איז אַ גרויסער ענין פאַר זיך.

3. נישט צו ווייט אַנדערש — אין זיין פענאָמענאַלן מהות — איז (שטייניקט מיך נישט: געמאָסטן מיט דעם פּלוצלונגען דאָ־זיין פון עברית־לשון) דאָס פּלוצלונגע דאָ־זיין פון אידיש־לשון. אמת, אַז דער גאַנג דורך די יאָרהונדערטער — זיבן, פינף, אָדער צען, נישט פונדאַמענטאַל וויכטיק — פון אידיש־לשון איז אין אָנהויב געווען שטאַרק אין זיגזאַג. און ווידער: פּלוצלונג איז דאָס לשון געוואָרן דאָס געאָגראַפיש פאַרשפּרייטסטע, כמותדיק־צאָלרייכסטע, לשון פון אַלע לשונות ביי אידן. און — דאָס לשון, וואָס אין אים איז געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַטור אין אַלע מאָדערנע ליטעראַרישע פאָרמען, וואָס האָט — מאָדערן־ליטעראַריש — דאָס אידישע פאָלק אַריינגעפירט, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטן ברודער, אין דער משפּחה פון דער וועלט־ליטעראַטור.

4. און אַז דאָס לשון־אידיש איז שוין געווען אויסגעקריסטאַליזירט ביז

גאָר, דער קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם לשון — כלפּי חוץ און כלפּי פּנים — איינגעשטעלט און טיילווייז אויך שוין אין נצחונדיקע פּאָזיציעס אין די דריי גרעסטע קאָנצענטראַציעס פון אידיש־רעדערס — פּוילן, רוסלאַנד, אַמעריקע — איז געשען דאָס, וואָס עס איז געשען. און כאָטש דאָס האָט נישט און קען נישט האָבן קיין שייכות, וואָרום וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די דייטשע צעברעקלטע פעלקערשאַפטן פון פופצנטן יאָרהונדערט צו די נאַציס פון צוואַנציקסטן — איז דאָך געשען, וואָס עס איז געשען מיט מיליאָנען אידיש־רעדערס, מצד די גרויזאַמע הענט פון אַ דייטש־רעדנדיק פאָלק. און מיט שפּראַכלעכן מאַטעריאַל פון דייטשן לשון — ווי רוי־מאַטעריאַל — איז דאָך אידיש געקנאָטן און אויסגעקנאָטן געוואָרן. און אָט די סיטואַציע איז דורכגעפלאָכטן מיט מוראדיקע געפילס־ און געוויסנס־פּראָבלעמען פון איין זייט און עפּעס אַ געוואַלטיקן טראַגישן מיטאָס פון דער אַנדערער זייט. דורכגעפלאָכטן אַזוי ווי וואָרצלען פון אַ גרויסן בוים, וואָס וואַקסט אויף פעלזן, זיינען דורכגעפלאָכטן מיט שטיינער. אַזוי ווי די גופים פון דער לאַאָקאָאָן־סקולפּטור זיינען דורכגעפלאָכטן מיט שלאַנגען. — — — אין דעם „דע מה שתשיב" — מוז זיין אַ קלאָרער ענטפער אויף אָט־דער סיטואַציע. אידישע שרייבער זוכן דעם ענטפער. מחמת זיי ווייסן צו גוט, אַז דאָס איז אַ האַרבע שאלה. אין אַ געוויסן זינען מאַכט יעקב גלאַטשטיין אַן אָנשטרענגונג אין אָט דער ריכטונג אין זיין עסיי „לאָמיר אַלע אינאיינעם" אין „אידישער קעמפער" — פּסח, ה'תשכ"ב. אָבער דאָס זיינען נאָר אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג פון אַן ענטפער — און נישט דער ענטפער אַליין.

5. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט שוין אויך — און ניט איינמאָל — געזוכט דעם „דע מה שתשיב" אויף דער גורלדיקער און ביטערער פראַגע: צו וואָס און ווי אַזוי זאָל אויפגעהאַלטן ווערן די ווייטערדיקע לעבעדיקע עקזיסטענץ און שעפערישקייט פון אידישן לשון אין דער איצטיקער היסטאָרישער, געאָגראַפישער און קולטורעלער קאָנסטעלאַציע פון אידישן פאָלק?

6. לאָמיר אָקאָרשט גיין אַ פּאָר צענדליק יאָר אויף צוריק, צו די יאָרן אַרום 1900 ביז 1920, ווען עס זיינען אויפגעקומען אין אידישן וועלט־לעבן די העברעאיסטן־אידישיסטן־מחלוקתן. מיר גייען מיט אַ כוונה נישט צוריק מער ווי בלויז אַן ערך אַ האַלב יאָרהונדערט, כאָטש מיר וואָלטן געקענט צוריקגיין אַפילו צום אַכצנטן יאָרהונדערט, צו די ימי משה מענדעלסאָן. אָבער מיר שרייבן דאָ נישט קיין סטודיע און נייערט בלויז אַ פּראָוואָקאַטיון — לויט אונזערע שוואַכע כוחות פון אַ פּרינציפּיעלן רודף־שלום און בעל־פּשרה — מאמר. — אַז מען האָט אַ העברעאיסט פון מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק אַ פראַג געטאָן: פאַרוואָס ביזטו אַ העברעאיסט? — האָט ער געענטפערט קלאָר און דייטלעך אָט אַזוי: מחמת לשון קודש איז דאָס אייביקע לשון פון אידישן פאָלק; מחמת אויף דעם לשון איז געגעבן געוואָרן די תורה; מחמת מיר שטרעבן צו אַן ארץ־ישראל־מלוכה און אין דער דאָזיקער מלוכה וועט עברית זיין ווידער אַ לעבעדיק לשון. — — — אַז מען האָט אַ אידישיסט פון אַרום דעם יאָר 1908 — אין פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע און אַפילו אין אַמעריקע — אַ פראַג געטאָן: פאַרוואָס ביזטו אַ אידישיסט? איז אויך געווען אַ גרייטער ענטפער: ווייל אידיש איז דאָס לשון פון די גרויסע אידישע פאָלקסמאַסן; ווייל אידיש איז די טעגלעכע מאַניפעסטאַציע פון לעבעדיקן נאַציאָנאַלן קולטורעלן איד־זיין; ווייל די וועלט דעמאָקראַטיזירט זיך און אָנערקענט אַלע־



מאָל מער און מער נאַציאָנאַל־קולטורעלע איינסן, וואָס זיינען נישט אידענטיש מיט מלוכה; ווייל פריער, אָדער שפּעטער וועלן מיר — אידן — אויסקעמפן אין רוסלאַנד, עסטרייך, אַמעריקע דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אין יעדער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע שפּילט די באַזונדערקייט פון לשון די גרעסטע ראָלע. דאָס איז דער סאַמע ערשטער אַרגומענט אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. — — — און אַז מען האָט דעם אַסימילאַטאָר געפרעגט אויף זיינע לשון־פּראָבלעמען, אַלס איד, האָט אויך ער געהאַט אַ קלאָרן ענטפער: ער האָט נישט קיין פּראָבלעמען. דאָס לאַנד־לשון איז זיין לשון אַלס בירגער און אויף לשון קודש דאַוונט ער. — — — און אַז מען האָט דעם פרומען איד געפרעגט אויף זיינע לשון־פּראָבלעמען, האָט אויך ער געהאַט אַן ענטפער — כאָטש ער האָט די פראַגע נישט פאַרשטאַנען... אַז משיח וועט קומען וועט די גאַנצע וועלט רעדן לשון־קודש און ביז דעמאָלט רעדט מען אידיש און מען לערנט חומש מיט רש"י און גמרא מיט דער הילף פון אידיש. ווי אַזוי דען זאָל מען לערנען גמרא — מיט פּויליש, מיט רוסיש, מיט ענגליש?

7. און נאָר מיר, אידיש־ענטוזיאַסטן פון יאָר 1962, מיר — וואָס האָבן אויסגעבויט אין פאַרלויף פון הונדערט יאָר אַ מעכטיקע ליטעראַטור; מיר, וואָס נאָר־וואָס האָבן עלף מיליאָנען אירע איבער גאָר דער וועלט לשון־אידיש געהערט; מיר, וואָס האָבן דעם אייביקן פאָלק געגעבן זיין דריטע קולטור־שפּראַך, מיר האָבן נישט קיין פּשוטן און פּראָסטן ענטפער — פאַרשטענדלעך פון אַלט ביז יונג, פון פילאָזאָף ביז פּשטן, פון איד ביז גוי, פון ציוניסט ביז בונדיסט — יאָ, נאָר מיר האָבן נישט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: צו וואָס און ווי אַזוי זאָל אויפגעהאַלטן ווערן די לעבעדיקע ווייטערדיקע עקזיסטענץ און שעפערישקייט פון אידישן לשון אין דער איצטיקער היסטאָרישער, געאָגראַפישער און קולטורעלער קאָנסטעלאַציע פון אידישן פאָלק? — — — און אַז מיר מאַכן קולות און פאַרשרייען זיך אַליין, אַז מיר האָבן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן ענטפער — איז דאָס נישט אמת, ווייל מיר האָבן דעם ענטפער נישט!

8. פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך פראַגן, וואָס האָבן נישט קיין ענטפער. למאי איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין ענטפער אויף דער פראַגע — רשע וטוב לו, צדיק ורע לו. פונדעסטוועגן זיינען די פרומע אידן געגאַנגען אין די קרעמאַטאָריעס אַריין און זיך געקלאַפּט אין די אויסגעפּייניקטע הערצער אַריין מיטן אָשמנו־בגדנו פון ווידוי. מילא איז די פראַגע וועגן גאָטס גערעכטיקייט אַזאַ מין פראַגע, וואָס וואָס־ווייניקער עס איז אויף איר דאָ צו ענטפערן, אַלץ מער צו פרומקייט סטימולירט זי. — — — אָבער צי איז אויך אונזער פראַגע אַזאַ?

9. אונזער פראַגע באַשטייט פון צוויי פראַגן און זיי זיינען נישט אַזוי אינטעגרירט, אַז טאָמער ענטפערט מען אויף איינער — איז ממילא שוין די צווייטע פאַרענטפערט. אונזער פראַגע איז: פאַרוואָס און ווי אַזוי? און די פראַגע איז אַזוי מאָדנע, אַז ווען מען וואָלט אַפילו געענטפערט קלאָר און דייטלעך אויף דעם צווייטן טייל אירן — וואָלט דערמיט נאָך אַלץ איר ערשטער טייל געבליבן נישט פאַרענטפערט. און וויצע־ווערזאַ — קען געמאָלט זיין, אַז אויף דעם ערשטן טייל פון דער פראַגע „פאַרוואָס?" זאָל זיין אַן ענטפער און אויף דעם צווייטן טייל זאָל מען בשום אופן ואופן נישט קענען געפינען קיין תשובה.

10. און — אַ סאַלטאָ־מאָרטאַלע שפּרונג־טוענדיק פון דער סוב ספּעציע עטערניטאַטיס־פּראָבלעמאַטיק אין אַן אָקאָרשטיקער אַקטועלער געשעעניש —

די אינטער־תפוצותדיקע אידישע חינוך־קאָנפערענץ, וואָס איז נאָר־וואָס — אויגוסט 1962 — פאָרגעקומען אין ירושלים — בין איך זיכער, אַז די מערכה פון דער אַמעריקאַנער אידיש־דעלעגאַציע אויף אָט דער קאָנפערענץ וואָלט נישט געווען אַזאַ ביטערע, ווי זי איז געווען, ווען אָט די דעלעגאַציע וואָלט אַהינפאָרנדיק געהאַט אַ דייטלעכן דע מה שתשיב.

11. ממה נפשך: איז קיין ענטפער נישטאָ, נישט אויפן ערשטן און נישט אויפן צווייטן טייל פון דער פראַגע — דאַרף מען מיט אָט דעם אַרויסקומען אין דער אָפן. געענדיקט! נישטאָ! אָבער כאָטש קיין ענטפער איז נישטאָ — איז נאָך אַלץ דאָ וואָס צו טאָן. מיר האָבן אַ גרויסע ירושה, אַן אַלזייטיקע ירושה און זי דאַרף באַצייטנס איבערגעלאָזן ווערן אין גוטע און פאַראַנטוואָרט־לעכע הענט. און ניט אין די הענט פון די צינישע היענעס, וואָס קומען אָן אין מאַסן וואו נאָר זיי דערשפּירן דאָס בלוט פון שטאַרבנדיקע הירשן אין דער נאַכט. זיי זיינען תיכף גרייט צו פאַרנעמען זיך מיט ליקווידירן לויט זייער איינזען — און זייער איינזען איז נול פּלוס ציניזם — אונזער וואונדערלעכע ירושה פון אַ מילעניוס לייד און פרייד און אומענדלעכע אָנשטרענגונגען. יאָ — אַפילו ווען קיין ענטפער איז נישטאָ, דאַרף מען אַקסל צו אַקסל אַרומשטעלן די ירושה און זי איבערגעבן אין ערלעכע הענט און ערלעכע הערצער. דאַרף מען דאָ ווידער איבערחזרן פּרצעס באַרימט וואָרט: מיר שטייען ווי אַ מויער פאַר אידיש — מוסר נפש זיינען מיר זיך פאַר אידיש! אַנדערע צייטן, אַן אַנדערע קאָנסטעלאַציע — אָבער פּרצעס ווערטער זיינען נאָך אַלץ לעבעדיק און אייביק ווי שמע ישראל.

12. נאָר — און דאָ קומען מיר צום גרויסן „צוריקגעשמועסט" — צי איז טאַקע תיקו — צי איז טאַקע קיין ענטפער נישטאָ, נישט אויפן פאַרוואָס און נישט אויפן ווי אַזוי? — — — די וועלט איז אַזוי פול מיט פראַגן אַזוי ווי דער הימל מיט שטערן. זינט דער מענטש איז מענטש און זינט דער איד איז איד — פאַרנעמט ער זיך מיט זוכן ענטפערס אויף פראַגן. אונזער מאָדערנע צייט באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זי ענטפערט אַ סך שנעלער אויף פראַגן ווי דאָס איז געווען פריער. פון אונטן ביז אויבן, פון דער מיקראָביאָלאָגיע ביז דער קאָסמאָלאָגיע. יעדעס קינד ווייסט עס.

13. מיר האָבן מיט אַ כוונה דערצויגן אונזערע ביטערע מעדיטאַציעס וועגן דעם מה שתשיב דעם אידיש־אפיקורס — ביז דער, ביי אונז פאַרהייליקטער, ציפער 13, אַז זיי זאָלן אַ קלונג טאָן אין די דרייצן עיקרים, וואָס ענטפערן אויף אַ סך אַ האַרבערער פראַגע: פאַרוואָס און ווי אַזוי זיין אַ איד בכלל אין דער וועלט. — — — לאָמיר נאָר אַלע, אַלע, מיט באמת גוטע כוונות און מיט מילדע הערצער, גרייטע צו פּשרות איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און קיין שום פּשרה לגבי דעם צינישן וואָלף וואָס לאָקערט אויף אונז, זיך אַוועקזעצן — אָט וויפיל עס זיינען נאָך אונזער געבליבן — און מיר וועלן געפינען דעם ענטפער אויפן פאַרוואָס? און אויך דעם ענטפער אויפן ווי אַזוי? און געפינען וועלן מיר די ענטפערס נישט דערפאַר ווייל מיר וועלן זיך איינרעדן דיאַלעקטיש, אַז מיר האָבן זיי געפונען — נייערט דערפאַר ווייל די ענטפערס זיינען אויף אַן אמת דאָ. נישט קיין טרוקענע, לעבנס־אומפעאיקע דאָגמע וועלן מיר געפינען, נייערט אַ לעבנס־פעאיקע און לעבנס־פריידיקע תשובה. נישט נאָר איז שוין פינף מינוט פאַר צוועלף, נאָר אפשר, אפשר — די מינוט זאָל נישט זיין — איין מינוט נאָך צוועלף. און אויב עס איז שוין טאַקע אַזוי איז — אָשמנו!



אפרים אויערבאַך

# דער פעטער אהרן־בער

דער פעטער אהרן־בער, דער פייערדיקער חבד'ער חסיד,
האָט פאַר דער מצה שמורה דעם ווייץ אַליין געקאָסעט,
די זאַנגען אויפגעזאַמלט און אַליין געדרעשט.
אַליין די קערנער אין דער וואַסערמיל געמאָלן, —
סע טראָגט דער איד אויף זיך אַזויפיל עול'ן,
נאָר טרויעריק איז דעם, וואָס די פרייד אין אים זיך לעשט,
אַז ווערן ווערט ער, ווי אַ מאָגער קנייטל,
אַז ס'שפּילט אין האַרצן אים אַ הייזעריקלעך פליטל.

אַ שטיק ערד איז ער געווען, וואָס אויסגעטעסעט
האָט אים דער אויבערשטער אין זיין גרויסן חסד.
דעם אַראָמאַט פון מיטזומערדיקן סטעפּ
האָט ער געטראָגן אין זיין באָרד־און־פּאה'ס.
אַז דו דערזעסט נאָר גוטס, כאַפּ תיכף און פאַרזיי עס,
דערנאָך גאָטס ראָסע פון לב־תמים דיינעם שעפּ,
אַז, ווי אין פעלד די ברויטן, גוטס זאָל וואַקסן, —
האָט ער געזאָגט מיט אַ קול פון זינגעוודיקע אַקסן.

צו קויפן ביים צאַראַן אַ זאַק פּאַפּשוימעל,
אַביסל ווייץ, אַ קריגל בוימל,
איז ער פאַרטאָג ווינטער צו דער בריק געגאַנגען.
אַ וואָגן הייצעכץ אין די פראָסטיקע קאַיאָרן,
אַ קיישל אייער, צי אַ פורל קאָרן, —
מיט וואָס דער אויבערשטער האָט נאָר באַגליקט.
דערנאָך, אַז בעלץ איז נאָך געשלאָפן,
האָט ער צו פּריזבעס אָרעמע געטראָפן.

אַ וואָרף־געטאָן די גאָב צו קבצנים'ס שוועלן
און שטיל אַוועק, פאַרשעמט און פרום פאַרעלנט,
וואָס טראָגן דאַרף ער פון דער אָרעמשאַפט דעם סוד.
ביי טאָג איז ער געגאַנגען איבער הייזער, קראָמען,
נדבות קלייבן פאַר קבצנים אָן אַ נאָמען,
פאַר אידן, וואָס פאַרגעסן האָט זיי גאָט.
געגעבן האָבן אידן גריוונעס, זעקסערס, צענערס
און ער איז שטיל דערוואַקסן זיך צו האַלטן קלענער.

דער פעטער אהרן־בער האָט געזאָגט:
נישטאָ קיין מצווה, נאָר דער איד

איז מצוות, זיין פרנסה.
זיי איד מקיים באַלד נאָר ווי סע טאָגט,
ווי פויגל כאַפּט זיך אויף און פליט,
ווי אויפן גראָז גיט אַ בליאַסק די ראָסע.

די מומע ברײַנע איז געווען העכער פונעם פעטער,
און אויסגעטריקנט, ווי אַ בוים אָן בלעטער.
פון פרי־פאַרטאָג האָט זי געהייצט דעם קוב,
דאָס אויסגעקנייטשטע פנים האָט געפלאַמט פון פייער, —
חיונה איז געווען פון אָקרעפּ פאַר אַ דרייער.
אַרומגעדרייט האָט זי זיך — אַ זייל רויך אין שטוב,
די אויגן צוגעסמאַליעט, אַש־גרוי די פּאַטשיילע,
צו זיך אַליין גע'טענה'ט און געענטפערט: מילא...

און וואָס איז מילא?
גאָט, איך בין אַ וויסטע אשה,
פאַרוויאַנעט. טרער אַפילו נישט קיין פרישע,
קאָן קינד האָב איך אים נישט געבראַכט.
אַ שולדיק לעבן לעבט די דאַרע מומע,
דאָס האַרץ רעדט זיך אַרויס און בלײַבט אַ שטומע,
אַ זינד בײַ איר אַ ווײַב צו זײַן מיט פוסטער מוטערטראַכט.
די דאַרפסט מעיך גט'ן, האָט זי שטיל געזאָגט איר אהרן־בער'ן,
נאָר ער האָט בייז אַ ברום־געטאָן:

נישטו דו וואוס צו הערן...

נאָך קידוש, אַז זי דערלאַנגט די יויך, דאָס פליייש אים,
אַ זאָג גיט זי:

אַ קדיש...

צעשרייט ער זיך:

קדישים...

די מעשים זוגן קדיש איבער הונדערט־צוואַנציק־יור.
נאָר אויפן שבת'דיקן טיש ליגט אויסגעשפרייט דער עלנט,
די בענטשליכט צוויי דערברענען מיט אַ פלאַם אַ געלן.
דעם פעטערס כל־מקדש וויקלט זיך, ווי אַ זיידענער שנור,
נאָר מיד איז ער, אַז באַלד פאַלט אַנידער
און ווערט אַנשלאָפן אויף די בלעטער פונעם סידור.

אַמאָל, אַז אַ חסיד האָט געזאָגט דעם פעטער אהרן־בערן:
איך מיין... אַ קדיש... אַז וואוס פון דיר עט ווערן...
האָט ער אַ הויב געטאָן די אַקסלען און געטאָן אַ ברום:
ס'עט ווערן. אַז באַשערט אויף דער וועלט איז אַזוי מיר,
עט קימען אַ פאַרשעימטער איד פאַרן מלאך דומה,



אין זוגן: נאַ, איך ברענג דיך נאָך אַ אידן מיט אַ מום...
אַ קוק־געטאָן האָט ער אויף אים מיט אויגן קלאָרע
און צוגעברומט:

אויך אַ קדיש איז אַ יצר־הרע...

איך וויים דעם דין, געזאָגט דערנאָך,
נאָר כ'שטעל זיך קעיגן אים, פאַרשטייסט?
כ'על זי, חלילה, נישט פאַרשעימען.
אין האַרץ האָט אים געטאָן אַ שטאָך
און צו געפינען זיך אַ טרייסט,
האָט ער געשפּייזט נאָך מער פאַרוויסטע היימען.

געווען איז ער, דער פעטער, נאָר אַ לחיים־טרינקער,
נאָר שמחת תורה האָט ער אויסגעגעבן די מוזינקע.
צום ריינקייט האָט ער זיך צוגעקניפּט,
געטאַנצט האָט ער מיט איר, ווי מיט דער כלה טאַנצט אַ חתן
און דאָס געזאַנג זיינס, ווי אַ טייך האָט זיך צעגאָסן,
אין זון דאָס כוואַליעדיקע קול געזיפּט.
דאָס בלייכע פנים אינעם מענטעלע פאַרגראָבן
און צוגעזונגען:

ווי נעמט מען כח ליב צו האָבן?

אַ שמחת־תורה, — ס'לויכט אין מיר אויף דער זיכרון
פון יענעם אויפדערנאַכט. דער אָרון־קודש איז שוין מיד געוואָרן
פון טירלעך אָפענע און ליידיק שטיין,
דאָס ליכט אין אים שוין אויסגעטריפט. דאָס קנייטל
אַביסל פלאַם שעפּט נאָך און גיט זיך אַ צערייטל.
דער פעטער האַלט די תורה שוין אַליין,
דעם שולחן האָט ער נאָך געטאָן דערלאַנגען
און איז אין ליבשאַפט צו דער תורה אויסגעגאַנגען.

צעוויינט האָט זיך אַ שול מיט אידן, — ברוך דיין אמת.
דער גבאי האָט געזאָגט דעם שמש:

דאָס ריינקייט, נעם עס...

נאָר ס'איז געווען פאַרקרעמפּט אין פעטער'ס הענט.
כ'בין גוזר, אהרן־בער, האָט געזאָגט דער דיין,
דאָס ספר־תורה זאָלסטו תיכף ומיד באַפרייען...
דאָס ליכט אין אָרון־קודש האָט דערברענט.
דעם פעטער'ס הענט אַראָפּגעלאָזט. אויפן פנים לעשט זיך אויס אַ זמר.
דאָס ספר־תורה רוט אויף דעם בעלעמער.

אברהם קריב / חיפה (ישראל)

# פון עניוות וועגן

## א.

אין תנ״ך איז כמעט קיין זכר ניטאָ וועגן דער העכערקייט פון די פריערדיקע דורות איבער די שפּעטערדיקע, ראשונים און אחרונים, ווי עס האָבן עס דערנאָך איינגעשטעלט די חז״ל וואָס האָבן געזאָגט: אויב די ראשונים זיינען געגליכן צו מלאכים, זיינען מיר געגליכן צו מענטשן וכו׳. נאָר דער איבערגאַנג פון דער תנ״כישער עפּאָכע צו די שפּעטערדיקע עפּאָכעס שטייט שוין אינגאַנצן אונטערן צייכן פון אומגעהויערער עניוות. אָט־די גוואַלדיקע באַשיידנקייט האָט גורם געווען צו צוויי מאָדנע דערשיינונגען — איינע אין אָנהויב פון בית־שני און די אַנדערע אין סוף פון בית־שני.

די מיטגלידער פון דער כנסת הגדולה (אנשי כנסת הגדולה) האָבן גרויס אָנזען ביי אידן. די משנה אין אָבות באַשטימט זייער אָרט און באַדייט אין דער קייט פון די דורות באַלד נאָך די נביאים. אָבער ווער זיינען זיי געווען די מענטשן פון דער כנסת הגדולה? ווער, לכל הפחות, זיינען געווען די פירער פון דער כנסת הגדולה אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס זי האָט עקזיסטירט? מיר ווייסן גאָרניט וועגן דעם. איינצייטיק מיט דער כנסת הגדולה האָט געהאַט אַ השפּעה נאָך אַ גרופּע חכמים, וואָס מען האָט זיי גערופן סופרים; אויך זייערע נעמען זיינען געבליבן פאַרהוילן. אין זיכרון פון פאָלק איז נישט געבליבן קיין איינציקער נאָמען פון דורות חכמים וואָס זיינען געקומען נאָך עזרא׳ן. און זיי, אָט־די וואָס זיינען געבליבן אַנאָנים, גראָד זיי האָבן אויסגעטייטשט די כתבי הקודש, איינגעשטעלט אַ נוסח פון תפילה, און דורות האָבן אָפּגעהיט זייערע פאָרשריפטן. אָבער זייערע נעמען זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען. צוליב אָט־דעם בלויז איז אַ תקופה פון גאַנצע צוויי הונדערט יאָר איינגעשרומפּן געוואָרן אויף אַזוי ווייט, אַז די שפּעטערדיקע דורות האָבן געמיינט, אַז שמעון הצדיק איז געקומען באַלד נאָך עזרא און נחמיה.

עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז עס איז געווען אַ צופעליקייט וואָס די נעמען פון דורות חכמים פאַר דער גאַנצער צייט פון דער ערשטער העלפט פון בית־שני זיינען פאַרשוויגן געוואָרן. אַ צופעליקייט וואָס דויערט אַזוי לאַנג קען ניט באַטראַכט ווערן פאַר קיין צופעליקייט. עס איז, משמעות, געווען אַ שיטה אַזאַ. די חכמים פון יענער תקופה זיינען באַהערשט געווען פון אַן איבערטריבענעם געפיל פון באַשיידנקייט; זיי האָבן זיך ניט באַטראַכט פאַר „אויסדערוויילטע פערזענלעכקייטן" וואָס זיינען ראוי אַז זייערע נעמען זאָלן פאַרבלייבן לדורות. און די מיטצייטלער זייערע האָבן, ווייזט אויס, אויך געטראַכט אַזוי. מעגלעך אַפילו, אַז צוליב דעם ווייס מען ניט דעם נאָמען פון דעם לעצטן נביא וואָס זיינע רייד זיינען פאַרשריבן אין ספר מלאכי. ווייל דאָס וואָרט מלאכי איז נישט קיין נאָמען, נאָר אַ טיטול (מיין שליח), ווי עס ווערט אויסגעטייטשט אין ערשטן פּסוק פון דעם ספר. די גמרא מאַטערט זיך שוין צו דערגיין דעם נאָמען פון דעם נביא. דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון זיין געפאַלן ביי זיך, אַ געפיל אַז די דורות ווערן שוואַכער. סימנים דערפון זיינען שוין פאַראַן אין די לעצטע ספרים פון תנ״ך. שפּעטער האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דער מימרא: „אַז עס זיינען געשטאָרבן די לעצטע נביאים האָט



זיך דער רוח הקודש אָפּגעטאָן פון אידן". און וויבאַלד עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער רוח הקודש, האָט מען אויפגעהערט אַרויסצוהויבן יחידים; מען האָט זיי פאַרשלונגען אין כלל, גערופן זיי מיטן אַלגעמיינעם נאָמען סופרים, אנשי כנסת הגדולה. די תנ״כישע און נאָך־תנ״כישע תקופות לאָזן זיך אונטערשיידן לויט דעם, צי מען הויבט אַרויס דעם יחיד, צי מען פאַרשווייגט אים. נאָך איידער דער תנ״ך איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן האָט מען שוין פאַרשלאָסן די טויערן פאַר די מחברים וואָס זייערע ווערק זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן, און זייערע נעמען ווערן ניט דערמאָנט. עס איז חתימת האישים פאַר חתימת כתבי הקודש. די תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן שליסן דעם תנ״ך און האָט געדויערט די גאַנצע צייט פון דער כנסת הגדולה, קען מען באַצייכענען ווי אַ תקופה פון פאַרשווייגן דעם יחיד, אַ תקופה פון באַשיידנקייט.

אָבער נאָך דער לאַנג־דורותדיקער תקופה פון דורכאויסיקער פאַרשווייגניש טויכט פלוצלונג אויף אַ נאָמען פון אַ יחיד, דער לעצטער פון דער קייט פאַרשוויגענע חכמים: שמעון הצדיק. פון אים איז געבליבן די באַוואוסטע מימרא וואָס געפינט זיך אין פּרקי אָבות (ער פלעגט זאָגן: אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט — אויף תורה, עבודה און גמילות חסדים). וועגן אים זיינען אויך פאַראַן מעשות און לעגענדעס און דער ספר בן־סירא שילדערט אים (אויב ער איז טאַקע די פּערזאָן וואָס ווערט דאָרט געשילדערט). קומט אויס, אַז דער לעצטער פון די נביאים הויבט אָן די תקופה פון די פאַרשוויגענע אַנשי כנסת הגדולה, און דער לעצטער פון די אנשי כנסת הגדולה שליסט אָפּ די תקופה און הויבט אָן אַ נייע תקופה, ווען די נעמען פון די חכמים ווערן אָפּגעצייכנט.

פאַרוואָס איז די טראַדיציע געבראָכן געוואָרן און דער נאָמען פון שמעון הצדיק איז געבליבן לדורות? עס קען זיין, אַז ווייל צו זיין נאָמען איז צוגעגעבן געוואָרן דאָס וואָרט „הצדיק" איז זיין נאָמען געבליבן. זיין אומגעוויינלעכע צדקות, ווייזט אויס, האָט געפּלעפּט די מענטשן פון זיין דור און זיי האָבן אים אָנגערופן צדיק, אַ זאַך וואָס איז פריער ביי אידן ניט געווען. זיין צדקות וואָס האָט אים אויסגעטיילט האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין נאָמען זאָל בלייבן. און אפשר די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש וואָס האָט פּאַסירט אין זיין צייט, וואָס אַלעקסאַנדער דער גרויסער האָט פאַרנומען ארץ־ישראל און שמעון הצדיק איז אויף דעם אָדער יענעם אופן געווען פאַרמישט אין דעם, האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין נאָמען זאָל אויסגעטיילט ווערן. סיווי, דער נאָמען פון דעם ראש החכמים האָט אַ לויכט געטאָן פאַרן פאָלק און איז געבליבן אין פאָלקס זיכרון לדור־דורות.

און אַז די טראַדיציע פון אַנאָנימקייט האָט זיך איינמאָל איבערגעריסן, איז מען שוין ממילא אַוועק פון איר און עס איז געבליבן אויך דער נאָמען פון זיין תלמיד, וואָס האָט געירשנט פון אים די קרוין פון חכמה: אַנטיגנוס איש סוכו. לעת עתה האָט מען אָנגערופן בלויז די נעמען פון די ראשי החכמים. נאָך אַנטיגנוס איש סוכו זיינען אין שפּיץ פון די חכמים געשטאַנען צוויי פערזענלעכקייטן: דער נשיא און דער אב־בית־דין. אין פאַרלויף פון פינף דורות זיינען געבליבן אין זיכרון פון פאָלק די נעמען פון אָט־די צוויי, וואָס מען האָט זיי גערופן הזוגות (די פּאָר). דער עיקר איז וואָס זייערע נעמען האָט מען שוין געוואוסט.

נאָך דער לעצטער פּאָר, הלל און שמאי, איז געקומען אַן אויסברייטערונג. די חכמים פון יענעם דור האָבן זיך געשפּאָלטן, ווי באַקאַנט, אויף צוויי גרויסע

גרופּעס — בית הלל און בית שמאי, וואָס האָבן געהאַט חילוקי דעות צווישן זיך. פון די צוויי גרופּן, אפשר טאַקע צוליב זייער שטענדיקן ווידעראַנאַנד, הויבן זיך אָן אויסצוטיילן אַלץ מער און מער די נעמען פון איינצלנע חכמים. אויף דעם אופן איז דערגאַנגען דערצו, אַז ביים סוף פון בית שני איז בטל געוואָרן די שיטה פון אַנאָנימקייט, און מען האָט אָנגעהויבן די מימראס פאַרבינדן מיטן נאָמען פון בעל המאמר. ביים סוף פון דער תלמודישער תקופה האָט שוין יעדע הלכה און אגדה זיין מחבר. אין דער משנה באַנוגנט מען זיך מיט ברענגען די הלכה אין נאָמען פון דעם וואָס האָט זי געזאָגט; אין דער גמרא אָבער געפינט מען שוין ווי איינער גיט איבער די רייד פון אַן אַנדערן, וואָס האָט עס געהערט פון אַ פריערדיקן און יעדער איינער פון זיי ווערט דערמאָנט ביי זיין נאָמען. מען האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז דער מענטש און די תורה וואָס ער זאָגט — די לערע איז זיינע, עס איז זיין פאַרמעג, זיין אייביקער קנין. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בר יוחאי: „יעדער תלמיד חכם וואָס מען זאָגט אַ תורה אין זיין נאָמען אויף דער וועלט, שעפּטשען זיינע ליפּן אין קבר“. דאָס מיינט, אַז אויב מען זאָגט אַ תורה אין עמעצנס נאָמען, איז דאָס ווי המשך פון זיין לעבן, ווי ער וואָלט נאָך איצט געזאָגט די תורה. — — — די חידושים פון אַ תלמיד חכם אין תורה־זאַכן איז זיין נחלה אין אַלע וועלטן.

דערמיט איז נאָך דער ענין ניט אויסגעשעפּט. אין דער ברייתא צו דער מסכתא אָבות איז איינגעשטעלט געוואָרן דער כלל: האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם, דאָס הייסט, אַז דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט עפּעס געזאָגט, איז דאָס נישט נאָר ממשיך זיין דאָס לעבן פון דעם מחבר, נאָר עס מאַכט ליכטיקער די גאַנצע וועלט, עס ברענגט אויסלייזונג צו דער וועלט, — אויף אַזוי ווייט!

און דאָס איז דאָך ממש דער היפּוך פון דעם אידעאַל פון פאַרשוויגן די נעמען, אַן אידעאַל וואָס האָט געהערשט אין די צייטן פון דער כנסת הגדולה. ממש אַן איבערקערעניש. אַנשטאָט פאַרקלעמטע ליפּן, וואָס די באַשיידנקייט האָט אויף זיי אַרויפגעהאַנגען אַלע אירע זיבן שלעסער — דווקא שעפּטשענדיקע ליפּן, וואָס ברענגען דערלייזונג דעם יחיד און דער גאַנצער וועלט.

אין פאַרלויף פון די דורות האָט זיך עס אָבער ווידעראַמאָל געענדערט. צוליב דער אומגעהויער גרויסער צאָל נעמען פון די תנאים און אמוראים, וואָס זייערע רייד זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן ים התלמוד און איבער די מדרשים, איז אוממעגלעך געוואָרן צו באַצייכענען יעדערנס רייד מיטן נאָמען פון מחבר, איז אויפגעקומען אַ נייער כלל־נאָמען חז״ל פאַר יעדער מימרא און פאַר יעדן ענין וואָס אין תלמוד און אין מדרש. די באַצייכענונג חז״ל נעמט אַרום אַ סך דורות פון תלמידי חכמים פון ארץ־ישראל און פון בבל, מיט פאַרשידענע שיטות און מדרגות און וואָס האָבן געלעבט אין פאַרשידענע היסטאָרישע באַדינגונגען. פאַראַן תלמידי חכמים וואָס פון זיי זיינען פאַרבליבן געציילטע מימראס, אַפילו בלויז איין און איינציקע מימרא, און עס זיינען פאַראַן ווידער אַנדערע חכמים וואָס זיינען געווען פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין זייער דור, זיילן פון תורה שבעל־פּה, וואָס דער תלמוד באַצייכנט זיי ווי אָבות פון דער וועלט — זיי אַלע, אָן אונטערשיד, גייען אַריין אין כלל פון חז״ל (אין אונזערע צייטן האָבן גאַנץ אָפט די לומדים און מגידים אויפגעהערט צו זאָגן: עס איז דאָ אַ מאמר חז״ל, נאָר — עס איז פאַראַן אויף דעם אַ חז״ל. עס קומט אויס,



אַז נישט נאָר די תלמידי חכמים זיינען חז״ל, נאָר אַפילו די תורה וואָס זיי האָבן געלערנט ווערט אויך חז״ל).

על כן, אויף אַן אומדירעקטן אופן האָט זיך די אַנאָנימקייט צוריק אומגעקערט, ווייל דער פּערזענלעכער שטעמפּל פון דעם יחיד ווערט איינגעשלונגען אין אַ נייער גרויסער גרופּירונג — חז״ל, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון כנסת הגדולה. עס ווערט פאַרווישט דער פּערזענלעכער בייטראָג פון דעם יחיד, אָבער די השפעה פון חז״ל אויפן לעבן פון פאָלק איז אומגעהויער.

## ב.

קלאָר מאַכן די טעקסטן און אָפּקלייבן זיי פאַר די כתבי הקודש איז, זעט אויס, געווען אַ לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן די גאַנצע צייט פון בית שני. אין גאַנג פון דער אַרבעט זיינען זיי פאַרהייליקט געוואָרן. ווען די איינזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן בעת דער גרינדונג פון דער כנסת הגדולה, איז נאָך דער וועג געווען אָפן פאַר ווייטערדיקער שאַפונג און דער אוצר פון כתבי הקודש האָט זיך נאָך געקענט אויסברייטערן. אָבער ווען די איינזאַמלונג איז פאַרענדיקט געוואָרן (דאָס איז געווען בערך פאַרן חורבן בית שני) איז קיינעם ניט איינגעפאַלן אַז מען מעג נאָך עפּעס צוגעבן, אַפילו קיין איין פּסוק ניט. אָפּגעשלאָסן און פאַרשלאָסן. עס ווייזט אויס, אַז נאָך איידער מען האָט אָפּגעשלאָסן די איינזאַמלונג האָט מען שוין באַשטימט, אַז קיין נייע שאַפונגען נעמט מען ניט אַריין. דאָס — און ניט מער.

אָט־דער „ניט מער“ האָט ניט נאָר באַדייט, אַז די ספרים וואָס וועלן שפּעטער געשאַפן ווערן וועלן ניט האָבן די מדרגה פון די כתבי הקודש, נאָר די נייע לערעס טאָרן בכלל ניט פאַרשריבן ווערן, מען מעג זיי נאָר איבערגעבן פון מויל צו מויל (תורה שבעל פה).

אָט־דער איבערראַשנדיקער באַשלוס, אַז עס זאָלן מער קיין ספרים ניט געשריבן ווערן (אַ באַשלוס וואָס איז אוממעגלעך צו דערגרונטעווען זיך זיין פולן באַדייט), האָט זיך גענומען פון דעם גוואַלדיקן יראת הכבוד צו די כתבי הקודש. מען האָט געזען אין די כתבי הקודש פאַרבאָרגענע סודות, יעדעס וואָרט האָט אַ סך באַדייטונגען און כוונות, און עס האָט זיי אויסגעזען אַז זייערע אייגענע חידושים זיינען ניט ראוי צו קומען אין כתב. די גמרא קלערט דאָס אויף אויף אַן אַנדער אופן: תורה שבעל־פּה איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז אידן זאָלן האָבן אַ צוטריט דערצו, אָבער די אומות העולם זאָלן דאָס ניט קענען איבערזעצן און פעלשן, און נאָך אין אַ שאַרפערן נוסח: „בלויז צוליב תורה שבעל־פּה האָט גאָט פאַרשניטן אַ בונד מיט ישראל“.

אַזוי צי אַזוי, צום סוף פון בית שני איז פאָרגעקומען אַ גייסטיקע איבערקערעניש ביי אידן. אין דער עפּאָכע פון בית שני האָט מען געשריבן ספרים. איניקע זיינען אַריין אין תנ״ך, און איניקע, ווי באַקאַנט, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן, אָבער צום סוף פון בית שני האָט זיך אָפּגעהאַקט דאָס געשריבענע וואָרט. מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַרלאָזן אויפן זיכרון. דער זיכרון איז געוואָרן דער איינציקער איינזאַמלער פון אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין די נייע דורות. און דער וואונדער איז, וואָס די געשריבענע ספרים, אויב זיי זיינען ניט אַריין אין די כתבי הקודש, זיינען פאַרגעסן געוואָרן ביי אידן, אָבער תורה שבעל־פּה האָט דאָס פאָלק איינגעהיט און זי איז געבליבן.

דאָס אָפּזאָגן זיך פון געשריבענעם וואָרט האָט זיך געצויגן לאַנגע דורות, ביז דער זיכרון איז שוין נישט געווען אומשטאַנד צו טראָגן די משא וואָס איז

אָנגעוואָרפן געוואָרן אויף אים. כדי די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן איז נויטיק געוואָרן אָפּצושאַפן דעם פאַרבאָט אויפן געשריבענעם וואָרט. ווי עס שיינט, איז דער פאַרבאָט ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פאַראַמאָל, כאָטש קיין באַווייזן פאַר דעם געפינען מיר ניט. מיר ווייסן ניט ווען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן און ווען דאָס האָט זיך געענדיקט, אָבער ווען מען האָט דעם צאָם אַוועקגענומען האָט זיך דער שטראָם אַ ריס געטאָן מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט און עס זיינען אויפגעקומען ספרים אויף ספרים.

עס איז אַ דעציזירנדיקער פאַקטאָר אין דער קולטור ביי אידן, וואָס צווישן די גרויסע לערער, די חז״ל, וואָס האָבן באַשטימט דעם לעבנס־שטייגער פון פאָלק, איז נישטאָ קיין איין מחבר אַפילו, קיין איינער פון די חכמים, וואָס זייער צאָל דערגרייכט אין די טויזנטער, האָט זיינע געדאַנקען ניט פאַרשריבן. זייער תורה איז טאַקע געווען אַן אמתע תורה שבעל־פה. זייער לערע איז איינגעקריצט געוואָרן אין די הערצער פון זייערע תלמידים און מען האָט זיי אַזוי לאַנג געלערנט ביז מען האָט זיי פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק. און אַ קולטור וואָס באַנוצט זיך מיט דעם מעטאָד איז דורכאויס אַנדערש ווי אַ קולטור וואָס באַנוצט זיך מיטן געשריבענעם וואָרט. אַזאַ קולטור מוז זוכן מיטלען פאַר גרינגער צו מאַכן דאָס געדענקען.

קודם־כל האָט מען זיך באַמיט צו קומען צום סאַמע קירצסטן אויסדרוק. די גמרא האָט שוין איינגעשטעלט דעם כלל: לערן מיטן תלמיד אויפן קירצסטן אופן. דער קורצער אויסדרוק איז שוין געוואָרן דער אופן פון טראַכטן. קורצקייט איז אויך דער כאַראַקטער־שטריך פון דער אגדה. זי בויט ניט אויס קיין בנין וואָס זאָל האָבן אַ פונדאַמענט, ווענט און צימערן, וואָס זאָלן זיין באַהאָפטן איינע מיט די אַנדערע און דערגענצן איינע די אַנדערע. נאָר יעדער זאָג איז מצומצמדיק אויסקריסטאַליזירט, און יעדער תלמיד חכם האָט צוגעגעבן זיין פערל. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער גאַנצער אוצר פון דער אגדה־ליטעראַטור. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרלייכטערן דעם זיכרון דורך שאַפן אַסאָציאַציעס, אָפטמאָל אויפן חשבון פון די אינעווייניקסטע פאַרבינדונגען וואָס קירעווען די מחשבה.

אַ הילף פאַרן זיכרון איז געווען דער פסוק. די מימרא, וואָס איר איז באַשערט געווען אַ לעבן־שבעל־פה, איז אָנגעהאַנגען געוואָרן אויף אַ פסוק, פונקט ווי מען הענגט אָן אַ שליסל אויף אַ הענגער ער זאָל ניט פאַרלאָרן גיין.

מען דאַרף אָבער ניט איבערטרייבן און מיינען, אַז מיטן פסוק האָט מען זיך באַנוצט בלויז מיט דעם איינציקן ציל. אין אַ סך פאַלן איז די מימרא אַרויסגעוואַקסן פון דעם פסוק, כאָטש אויבן־אויף קען זיך אויסדאַכטן אַז צווישן דעם פסוק און דעם מאמר חז״ל איז גאָר קיין שייכות ניטאָ. דער באַזונדערער אופן פון שאַפן ביי די בעלי־אגדה איז געווען, וואָס זיי האָבן זייער געדאַנק אַרויסגעדרונגען פון פסוק. דעם באַגריף שעפערישקייט האָבן זיי אַנדערש פאַרשטאַנען ווי מיר באַנעמען דאָס איצט. זיי איז ניט געגאַנגען אין אַרויסברענגען זייערע פערזענלעכע איבערלעבונגען. זיי האָבן געוואָלט אויסדריקן העכערע ענינים וואָס האָבן דעם אָפּקלאַנג און ווידערקלאַנג פון געטלעכקייט. אין זייער אונטערטעניקייט צום פסוק איז געווען אַ סך פרייהייט — עס איז אַ באַזונדער אופן פון שעפערישקייט, אידישע אייגנאַרט.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז די אגדה פון חז״ל וואָס קלאַמערט זיך דורכאויס צום תנ״ך, איז אַן אייגנאַרטיקער אופן פון יצירה אין דער אידישער קולטור, מיט אַן אייגענעם פנים. איר עצם איינגעקלאַמערטקייט אין תנ״ך,



און דאָס עצם נויטיקן זיך אין אַזאַ אָנלען, מאַכט איר אַנדערש פון תנ״ך און וואַרפט אויף איר אַ ניט־תנ״כישע שיין.

מען קען זאָגן, אַז דאָס ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון תנ״ך איז געגליכן צום ליכט פון דער זון. אין די מעשות פון חומש איז פאַראַן דאָס פרימאָרגן־ליכט, אין די שאַפונגען פון די נביאים ראשונים איז פאַראַן אַן איבערגאַנג צום בייטאָגיקן ליכט, אין סוף פון די נביאים ראשונים און ביי אַ טייל פון די נביאים אחרונים איז פאַראַן אַ פאַרנאַכטיק ליכט. אין די ספרים וואָס דערציילן וועגן אָנהויב פון בית שני איז פאַראַן אַ ניי פרימאָרגן־ליכט פון אַ פאַרוואָלקנטן טאָג מיט ווייניק זון. דאָס ליכט פון דער אגדה איז געגליכן צו דער שיין פון דער לבנה. די לבנה האָט טאַקע ניט קיין אייגן ליכט, זי האָט אָבער אַן אייגענעם צויבער און אַן אייגענע שיינקייט. ביים ליכט פון דער לבנה זעט די וועלט אויס אַנדערש, ספק ווירקלעכקייט, ספק פאַנטאַזיע, און רעדט צו אונז מיט אַן אַנדער שפראַך, וואָס איז אַנדערש ווי די שפראַך פון טאָג. נאָכן זון־פאַרגאַנג פון תנ״ך שטראַלט די אגדה מיט אַ פאַנטאַסטיש־לבנה׳דיק ליכט. אין נחמיה ווערט דערציילט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער אגדה: „און זיי האָבן געלייענט אין ספר פון גאָטס תורה און האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָרט שטייט געשריבן״. דאָס איז געווען דער מולד פונעם לבנה־פעריאָד פון אונזער קולטור.

דער אויפבליי פון דער אגדה פאַלט אויס בערך אין דער צייט פון חורבן בית שני און ציט זיך ביזן סוף פון דער תלמודישער תקופה. דער פעריאָד פון בית שני גופא איז אַ צייט־אָפּשניט ווען צוויי תקופות ראַנגלען זיך אין דער אידישער קולטור. עס איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען די זון פון דער תנ״כישער שאַפונג, און עס קומען שוין אויף די ערשטע בלייכע שטראַלן פון לבנה־ליכט, וואָס וועלן אויפלויכטן אין אַ שפעטערדיקער תקופה.

*

יעקב גלאַטשטיין

# צוויי לידער וועגן אַלטן

## דער דריטער צוקאָפּנס

דאָס דערשראָקענע בעט  
מיט דער געקעסטלטער קאָלדרע  
איז אַ געצייכנט שאַכברעט.  
זי קריגט אָנגרייפעריש־ווייס,  
שוואַרץ — ער.  
איינער דעם אַנדערן געטרויט.  
מעגלעכקייטן נעמען וואַקסן מיט יעדער ריר.  
פּלוצים ווערט ער רירעוודיק ווי אַ בער.  
ס׳עפנט זיך די טיר.  
ס׳קומט אַריין דער אַלטער פרויד.  
ער זעצט זיך שטום אויפן בעט,

וואַרטן אויף די גענג.
מיטן זיצנדיקן דאָקטאָר
איז געוואָרן ענג.

די קעניגין האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט,
זי האָט אים אין פּנים אַריינגעלאַכט,
מיט אַזויפיל היים און אָפּגעדעקט געלעכטער,
אַז אַן אַנדערער וואָלט זיך
אָפּגעטראָגן אַן אָפּגעבריטער.
ווי אַ געדונגענער וועכטער,
אָדער באַבערדלטער האַרעם-היטער,
מיט שרייבפּענדל און נאָטיצן
איז ער אַ געדולדיקער געבליבן זיצן.

דעם קעניג האָט שטאַרק פאַרדראָסן
וואָס ס׳זיצט אים אַן אונטערזאָגער
און אַ באַקלאָגער צוקאָפּנס.
הייסע שוויים-טראָפּנס זענען
אויף זיין וואַקלענדיקן צוג געפלאָסן.
מיט מורא האָט ער אַ זייטיקן קוק
געכאַפּט אויף דעם אַלטנס נאָטיצן
און וואויל געוואוסט אַז אַלץ איז פאַראויסגעשאַצט,
פאַרטייטשט יעדער מעגלעכער באַוועג,
נאָך דערצו מיט טרוקענע וויצן
אויפן חשבון פון זיין פאַרבליבענעם פאַרמעג.
נישטאָ קיין פרייער אויסוואַל.
באַשטימט יעדער הויב און פאַל.
אַלץ איז טאַבולירט.
עלטער פון די שפּילערס,
ביאָגראַפיעס, געוואוינהייטן,
זיטן, היימען.

די קעניגין האָט אים איגנאָרירט.
זי האָט אים אַפילו געוואָלט פאַרשעמען
און אים דערלאַנגט מיטן שיין-געביינטן פוס
אַ שטיפערישן בריק.
ער איז שיר אַרונטערגעפאַלן פון בעט.
אָבער אָט זיצט ער צוריק
און מאַכט ווידער דאָס שאַכברעט ענג.

מיט פאַראויסגעפאָרשטע גענג
מאַכט דער אַלטער אויף דעם קעניג



אַן אַטענטאַט.
אין דריי געצוואונגענע צוגן
ווערט דער קעניג מאַט.

## מיין שמועס מיטן אַלטן — דערנאָך

— ס׳האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געחלומט
אַז קאָנסט עמיצן מאַכן אַזוי צו נאַר.
נו איז וואָס אַז ער האָט נישט געגלייבט אין דיר?
קומט אים דערפאַר
אינמיטן אָנגעצונדענעם יום טוב שטערן זיין פרייד?

— דאָס האָט ער אַליין געוואָלט
אויפן בעט אַ דריט געשטאַלט
ווי תּירוצדיקע רייד.
ער איז אַלט. איך בין ווינעריש גאַלאַנט.
וואו איז דיין פאַרשטאַנד?
וואָלט איך אַן אומגעבעטענער געעפנט אַזאַ טיר?
ער האָט דאָך מיך מיט די לעצטע כוחות גערופן,
אויסגעטראַכט אַלערליי בלבולים
אויף זיך און אויף איר.
ער האָט זיך אַליין נישט פאַרגונען.
ביז — נישט נאָר זיין, נאָר איר ברונען,
האָט ער פאַרטרוקנט מיט טענות צו זיך.
ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער נעמער
פון איינמאָליקע געשאַנקען,
אָבער ס׳האָט נאָך קיינמאָל אַזוי יונגשאַפט
נישט געעלטערט אַ מענטשנס געדאַנקען,
ווי זיינע, מיט פאַרשידענע פוסטע שרעקן.
פריידיק געלעכטער האָט ער גענומען ווי אָפּשפּאָט.
מיטגעוויין פאַר פאַרבאָט.
ער האָט זיך באַשולדיקט, באַרעדט,
נישט אויסגערעדט פון זיך די שולד און שרעק,
און מאַנסביליש זיך אויסצופּרוואוון
אויף צומאָרגנס אַוועק —
אין צוגעוואוינטן בעט.

שמואל איזבאַן

# צוויי מרגלים (דערציילונג)

אין אַלע טעג פון יאָר האָבן די אָדלערס געהיטן דאָס הויז פון מלכים אין יריחו, אַז וועלף זאָלן נישט לויערן ביי זייערע שוועלן. זינט די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב און די פאַרדאָרבנקייט פון מענטש האָט דערצערנט די הימלען, זיינען די טויערן פון שטעט געוואָרן באַוואַכט פון שפּיזן־טרעגערס און פיילן־וואַרפערס. אָבער אין יענעם טאָג, ווען די צוויי מרגלים פון יהושע בן נון, כלב בן יפונה און פנחס בן אלעזר, זיינען אַריינגעקומען אין יריחו, איז די פעסטונג־שטאָט געווען אויפגעריגלט.

דער זילבערנער טורעם פון געצנהויז האָט געפלאַקערט קעגן דער ברענענדיקער זון. און דאָרט, אין ווייסן אויסבויג, וואו הימל און ערד זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט אַ טשאַטע פייגל ווי פאַרשפּעטיקטע פלעדערמייז געוואַנדערט נידעריק אונטער די וואָלקנס. די אויסקוקערס האָבן זיך פאַרנומען צום באַרג־אַרויפגאַנג, וואָס האָט זיך געהויבן צום הויז פון די שטאָט־האַרן, וואו בייזע צינז־האַרן האָבן באַשטראָפט די פאַרשולדיקטע צום קעניג און פאַלשע שופטים האָבן געטאָן אומרעכט צו אלמנות און יתומים. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ בויגן־טויער. זיי זיינען פאַרביי די שוועל פון אַ טונקעלן געביי ווי אַ קנאָכיקער שוואַרצער קנעכט איז פלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון אַ וואַנט־עפענונג און זיך געשטעלט אויף די קניען פאַר כלב׳ן. זיינע ליפּן האָבן לייכט אָנגערירט דעם זוים פון זיין מאַנטל.

ביי כלב׳ן האָבן די נאָזלעכער זיך פאַרצויגן. דער שווערער לייב־ריח פונעם קנעכט האָט פאַרשלאָגן זיין אָטעם. אַ צערודערטער האָט ער באַפוילן:

— לאָז פריי דעם וועג, קנעכט!

— דער וועג איז פריי צום הויז פון נמואל, דעם רייכסטן הענדלער אין יריחו.

און דער קנעכט האָט אָנגעשלאָגן זיין שטערן אין דער ערד, אַ צייכן פון אונטערטעניקייט.

— האָב איך דיך דען גערופן, אַז דו זאָלסט מיר ווייזן דאָס הויז פון דעם רייכסטן הענדלער? — האָט כלב צאָרנדיק געפרעגט.

— אַלע דורכפאָרערס פון ווייטע שטעט טרעטן אָפּ אין הויז פון מיין האַר — האָט דער קנעכט געלאַכט מיט די בליאַסקענדיקע ציין — ווייל אַ וועגווייזער פאַר פרעמדע איז ער. באַוואָרנט אייך! אַ סכנה איז היינט צו גיין איבער די גאַסן פון שטאָט. און נמואל מיין האַר האָט אַ באַהאַלטענע קאַמער פאַר אומגעבעטענע געסט.

די אויסשפּירערס זיינען געוואָרן צעטומלט פון דעם קנעכט מיט דער הינטערליסטיקער צונג. זיי האָבן דערשראָקענע זיך איבערגעקוקט.

— פאַרוואָס זיינען מיר אין דיינע אויגן פרעמדע אין יריחו? — האָט פנחס געפרעגט.

— דער שטויב אויף אייערע שיך האָט איר געברענגט פון דעם לאַנד פון מואָב אָדער פון לאַנד פון די אמוראים און אַזעלכע גאָלד־באַזוימטע קליידער טראָגן נישט די הענדלערס אין יריחו. צי האָט איר נישט געהערט פון דעם גערודער אין דעם מלכס הויז? די צווייטע מלחמה האָט ער היינט פאַרלוירן



און די פריסטערס האָבן אַריינגעפירט דעם פיש־גאָט דגון אין טעמפּל פון בעל.

און ווי ביי די אויסשפּירערס זיינען איינגעפאַלן די הערצער פון פּחד, טאָמער האָט מען זיי דערקענט, האָט דער קנעכט געקוקט אויף זיי מיט אויגן, וואָס קענען זען דאָס אומגעזעענע.

— דער קעניג איז טרויעריק — האָט ער געזאָגט — אין פּאַלאַץ זיינען פאַרזאַמלט די קריגספירער און די ראַטגעבערס. זיי טרינקען וויין און פאַרגיסן טרערן אויף די געפאַלענע. אָבער איך, תובל, האָב פיינט דאָס געוויין פון די גרויזאַמע. זאָלן מיר אַלע געטער פון כנען פאַרהיטן פון אַ הויפּטמאַן און פון אַ צינז־האַר, וואָס קומט מיך טרייסטן אין מיין אומגליק! — ער האָט אַרויפגעלייגט צוויי פינגער אויף זיינע טונקעלע ליפּן — מיין צונג האָט גערעדט מער ווי זי מעג. דאָס הויז פון מיין האַר איז אָפן. נמואל דער וועגווייזער פאַר פאַרבלאָנדזשעטע וואַרט אויף אייך.

אין דעם טונקעלן געביי האָבן שאַרפע, דופטיקע ריחות אויפגעריסן זייערע נאָזלעכער. דער קנעכט האָט אויפגעריגלט אַ טיר און אונטערגעהויבן אַ פאָרהאַנג פון לייוונטוך. ביי כלב׳ן און פנחס׳ן האָבן די אויגן געוואַנדערט איבער די פיר ווינקלען. פאַר יעדער וואַנט איז געווען אַ פאָרהאַנג און ביי יעדער שוועל איז געזעסן אַ טונקלהויטיקער וועכטער מיט אַ נאַקעטער שווערד אויף די קניען. דער קנעכט תובל, לייכט אויפן גוף און גרינג אויף די פיס, איז פאָרויסגעלאָפן און אויפגעריגלט די מיטלסטע קופּערנע טיר. די אויסשפּירערס זיינען אַריין אין אַ קאַמער מיט ברענענדיקע פאַקלען איבער די גזימסן. פון די אָפענע קאַסטנס ביי די ווענט האָבן אַרויסגעבליצט רובינען און טאַפּאַזן, יאַכצום און אַגאַטן, אָניקלען און יאַשפיזן. דאָס צירונג האָט ווי דאָס ליכט פון דער זון באַלויכטן די קאַמער. אין די ווינקלען זיינען געווען אויסגעשטעלט קרוגן מיט הויכע העלזער און בראָנזענע וואַזעס מיט געווירצן און דופטיקע וואַסערן. דאָס געביי, וואָס די אויסקוקערס האָבן געמיינט, אַז ס׳איז דאָס הויז פון אַ גאָלדהענדלער, איז אויך געווען אַ קאַמער מיט טייערע זאַלבן און פליסיקייטן פאַר די איידעלע לייבער פון שיינע פרויען. פון די באַלקן־ברעטער און פון די דיקע טעפּיכער אויף דער ערד האָבן געבלאָזן שווערע ריחות, וואָס האָבן אָנגעטרונקען די לופט מיט די פאַרבאָרגענישן פון כישוף.

כלב האָט געזוכט הינטער זיך דעם קנעכט תובל, אָבער פון אַן אויסהוילעניש איז פלוצים אַרויסגעקומען אַ הינקענדיקער זקן, איינגעהילט אין אַ געשטרייפטן דעקטוך. די צוויי פאַלדן פון זיין ווייסער באָרד זיינען געווען טיף אַריינגעוואַקסן אין האַלז. אין די גרינע אויגן האָבן געברענט פייערן ווי פאַקלען. ער האָט זיך פאַרנויגט און די באָרד האָט זיך געשפּאָלטן אין אַ האָריקן שמייכל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טעפּיך און אָנגעוויזן די געסט, זיי זאָלן אים נאָכטאָן.

— איך בין נמואל — האָט ער געזאָגט — נישט פאַרדריסן זאָל מיינע געסט, וואָס כ׳האָב זיי נישט אָפּגעוואַרט אין טויער פון שטאָט. די יאָרן און די קללה אין מיינע פיס האָבן מיך באַרויבט פון דעם פאַרגעניגן.

— פונוואַנען ווייסטו, נמואל, אַז אָנגעקומען זיינען מיר היינט אין טויער פון שטאָט? — האָט כלב געפרעגט.

דער זקן האָט צוגעלייגט זיין וויַיז־פינגער צו די ליפּן. די טיפע קאַרבן אויפן וואַקסענעם פנים האָבן זיך צעעפנט:

— דער וואָס ווייס די סודות פון די געטער, פאַר אים זיינען נישט פאַרהוילן די פאַרבאָרגענישן פון די קריגסמענער פון ישראל.

אָבער כלב׳ס צונג איז געבליבן אומדערשראָקן:

— טעותדיק זייַנען דייַנע רייד, נמואל. דורכפּאָרערס פון אַ ווייט, פרידלעכן לאַנד זייַנען מיר און אָנקוקן זייַנען מיר געקומען די פריילעכע שטאָט. מיר וועלן זיך נישט אַ קער טאָן פון רעכטס ביז לינקס. שפּייז וועלן מיר קויפן און פאַר די געטראַנקען וועלן מיר באַצאָלן. און ווייל דייַן קנעכט האָט אונז געפירט צו דיר, נמואל, פרעגן מיר דיך אַצינד: וואו איז דאָס אָרט אין שטאָט, וואו מיר קענען אָנוואַרעמען דאָס בלוט און אויפוועקן די כוחות פון לוסט? אין אַלע לענדער ווייס מען, אַז יריחו שטייט אינמיטן דער וועלט. דאָס האַרץ פון מזרח איז די שיינע צווישן שטעט.

— דאָס האַרץ פון מזרח איז יריחו, אָבער פאַרדאָרבן איז דאָ דאָס הויז פון די הערשער. דאָס רויב ליגט אין די בייטלען פון די צינז־האַרן און פון אונטערקויף־געלט איז נישט פריי דער פירשט און דער פּריסטער.

כלב האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— און זיי פאָרכטן נישט פאַר שטראָף?

— די אויסגעלאַסענע און פאַרדאָרבענע האָבן זיך באַזעצט אין דעם העכסטן הויז.

— און דעם קעניגס וועכטערס האָבן זיי נישט פאַרטריבן?

— די שפּין קענסטו מיט די הענט נישט אָננעמען, אָבער זי וואוינט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

— דאָס וואָס דו דערציילסט איז ערגער פון אַלץ, וואָס מיר האָבן געהערט וועגן די רויבער אין אַשקלון. איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אויפוועקן די געגנאַרטע און אויפשטורעמען די באַרויבטע?

— מייַן פאָטער האָט מיך געלערנט: דריקן די נאָז ברענגט אַרויס בלוט און דריקן צאָרן ברענגט אַרויס קריג... די מלכים אין כנען האָבן אויף זייערע נאַקנס דעם צאָרן פון פאָלק, דעריבער וועלן זיי פאַלן פאַר אייערע ברידער, די קריגערס פון ישראל.

כלב האָט אויפגעהויבן זייַן רעכטע האַנט אָפּצולייקענען זייַנע רייד:

— ווער האָט דיר דערציילט, אַז אונזערע ברידער זייַנען זיי?

ביי נמואל׳ן האָבן די מידע אויגן־דעקלעך זיך געקלעפּט. די קאַרבן אויף זייַן פאַרמעטענער הויט האָבן זיך פאַרמאַכט ווי אויסגעטריקנטע גריבער. ער האָט אַרויפגעצויגן אַ שלויען שמייכל אויף די בלייכע ליפּן.

— איך בין אַלט און מיד — האָט ער געזאָגט — די טעג פון לעבן רינען אויס ווי טראָפּנס וואַסער פון אַן אָפענער רער. אָבער די צייט, ווען דער מענטש גייט אַרום אויף דער ערד, ווערט נישט געמאָסטן מיט טראָפּנס וואַסער, נאָר מיט די געשעענישן אונטער דער זון. איין טאָג קען זייַן רייכער פון אַ יאָר און איין שעה פולער פון אַ ברונעם. דעם דאָזיקן אמת האָב איך, נמואל, געלערנט אויף מייַנע וואַנדערונגען. דעריבער האָב איך אייך גערופן אין מייַן הויז. זאָלן אייערע הערצער זיך נישט שרעקן. איר שטייט פאַר אַ גערעכטן מאַן, וואָס ווערט באַדריקט אין דער שטאָט פון רויב. רעדט! זאָלן אייערע צינגער נישט בלייבן געבונדן.

כלב איז גרייט געווען צו פאַרפירן אַ שטרייט מיט דעם קלוגן זקן, וואָס איז געווען באַוואַקסן ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון אַן אור־וואַלד. אָבער פּנחס האָט מיט אַ צייכן אים געהייסן שווייגן. זייַנע קניען האָבן געציטערט און די צונג האָט צוגעטריקנט צום גומען. אין זייַן מוח איז דורכגעלאָפן אַ ווירבלווינט און דער נעפּל, וואָס איז אויף איין רגע געשטאַנען פאַר זייַנע



אויגן ווי אַ וואָלקן, איז אויסגערונען. אַ שטים האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס האָט דער באַשעפער אַליין אַראָפּגענומען די האַנט פון זייַנע אויגן, ער זאָל דערזען דעם צעקנייטשטן אַלטן מאַן אין זייַן שלויקייט. אויפגעמונטערט פון דער געטלעכער הילף האָט ער געזאָגט:

— אויב דערקענען האָסטו אונז דערקענט, נמואל, וועל איך ריידן צו דיר רייד, וואָס עס טאָרן נישט הערן מלכים און קריגספירער. פון דעם אָפּענעם מדבר זייַנען מיר היינט אָנגעקומען. די אויסקוקערס פון ישראל זייַנען מיר. דאָס געשוואוירענע לאַנד, פונוואַנען עס זייַנען אַרויסגעגאַנגען אונזערע שטאַם־פאָטערס, קומט מייַן פאָלק צוריקנעמען. דער האַר פון הימל און ערד אַליין, וואָס האָט אַרויסגעפירט אברהמ׳ן פון אור־כשדים, וועט אונז אַרייַנפירן אין די שטעט, וואָס פרעמדע הערשער האָבן פאַרנומען. אַרויס פון כנען זייַנען אונזערע עלטערן אַ קליינע משפּחה, ווינציק אין צאָל, אָבער צוריק קומען מיר ווי אַ גרויס פאָלק, געטריבן פון גאָטס אָטעם און געפירט פון אומדערשראָקענע קריגסלייט.

נמואל האָט אויסגעשטרעקט צוויי דאַרע הענט ווי טויטע צווייגן און מיט פרייד אויסגערופן:

— אויב איר אויסקוקערס זייט איר געקומען, גייט אַרויס אין מאַרק פון די טעפּערס! דער המון איז דאָרט אייַנגעזאַמלט. פון זייערע ביטערע מיילער וועט איר הערן דאָס געשריי פון דעם באַדריקטן פאָלק. אין יריחו איז מאַכט בלויז אַ שאָטן. אָבער ווי נאָר אַ מלחמה וועט קומען, וועלן זיילן פייער אייַנהילן די שטאָט און איר וועט הערן אין די דונערן פון די אייַזערנע שטויס־הערנער אויף די מויערן און אין די פלאַמען פון די בראַנדהעלצער ווי עס זידט דאָס בלוט פון די שוואַכע, וועלכע וואַרטן אויף דעם נקום פון די רעכטפאַרטיקע.

— אַזוי פייַנט האָבן די באַוואוינער זייערע הערשער? — האָט כלב געפרעגט.

— די פייַנטשאַפט איז גרעסער פון זייער שרעק און די נקמה איז שטאַרקער פאַרן פּחד פון שטראָף. דערשראָקן האָבן זיך די פירשטן אין פּאַלאַץ ווען זיי האָבן געהערט, אַז אייערע קריגסלייט שטייען אויף יענער זייט פון טייך ירדן. עס ציטערן פאַר אייך איין און דרייסיק מלכים. ערשט נעכטן האָט דער קעניג געזאָגט צו זייַנע עלטסטע: עס וואַנדערט אַרום דאָרט אין דעם גרויסן מדבר אַ פאָלק, וואָס אַזוינס האָבן מיר נישט געזען און נישט געפונען אין קיין אַנדער אָרט אונטער דער זון. לאָמיר זיך באַוואָרענען קעגן די קריגער, וואָס ווערן געפירט פון אַ גאָט, וועלכער איז אייַנגעהילט אין וואָלקנס רויך בייטאָג און אין זיילן פייער בייַנאַכט.

— נמואל — האָט פּנחס זיך אָנגערופן — אויב אַזוי גרויס איז דער פּחד פאַר די קריגסלייט פון ישראל, פאַרוואָס זאָל אַצינד נישט אויסגעמיטן ווערן די מלחמה פון די גערעכטע קעגן די פאַלשע? פאַרוואָס זאָל יריחו, די שטאָט פון פעסטונגען, פאַרצערט ווערן פון פייער? אויב דייַן צונג קען שטראָפן די הערשער, נמואל, גיי היינט צו די אויבערהאַרן פון שטאָט און זאָלן זיי קויפן ביי אונז דעם פרידן! אויסקויפן זאָלן די רעגירער דעם שלום פאַר כנען, אויב אַפילו קאָסטן זאָל דער פרידן מוזן אַלדאָס אָנגערויבטע גאָלד אין קעניגרייך. עס טאָר נישט פאַראָרעמט ווערן דאָס לאַנד! לייזט זיך אויס פון אונטערגאַנג איידער גאָטס צאָרן וועט אויף אייך זיך אויסגיסן אַזוי ווי דאָס שוועבל און דאָס פייער האָט זיך געגאָסן אויף סדום און עמורה!

אַ טיפער אומרו האָט באַדעקט דאָס איינגעפאַלענע פנים פון דעם אַלטן מאַן. ער האָט אויסגערופן:

— אויסקויפן פרידן? די ביטערע הערשער וועלן בעסער פאַר דעם גאָלד קויפן שפּיזן און רייטוועגענער, אַז כנען זאָל נישט דאַרפן ליגן אַ פאַרשעמטע אין שטויב פאַר די פיס פון די זיגער.

כלב, דערזעענדיק זיין אומרו און פאַרווירונג, האָט געפרעגט:

— נמואל, דיין האַרץ איז ביטער און די פלוך אויף דיין צונג קען אומברענגען די שטאָט, נאָך איידער עס וועט לאַגערן די מחנה פון ישראל. אויב מיט אונז ביזטו און נישט מיט אונזערע פיינט, וועסטו דאָך אונז נישט אויסגעבן. זאָג אונז דעריבער: ווי שטאַרק זיינען די פעסטונגען און ווי גרויס איז די צאָל באַוואוינער אין יריחו? זיינען אַלע קריגסלייט ריזן, וואָס פאַרכטן נישט פאַר די שווערדן פון די שטאַרקע?

נמואל האָט צעפּירט די הענט. אויף זיינע טרוקענע ליפּן האָט זיך געבלעזלט אַ שמייכל:

— יריחו איז ווי אַ פרוי — האָט ער געזאָגט — שיין און פּוסט און זי זיצט אין אַ הויכשטאָקיקן פּאַלאַץ און קוקט אַראָפּ אויף די פעסטונגען און טורעמס. איר לייב איז באַגאָסן מיט דופּטיקע פּליסיקייטן. איר נאַקן איז באַדעקט מיט טייערע צירונג־שטיקער, אָבער זי זעט נישט ווי די זיילן פון הויז טרייסלען זיך און די שוועלן ביי די טירן ציטערן.

כלב האָט מיט אומצוטרוי געקוקט אויף דעם זקן און זיינע ליפּן האָבן געשוויגן. פּנחס האָט זיך געשראָקן, אַז די רייד זיינען פאַלשע. דער פּחד פאַר באַטרוג האָט אויפגעשטורעמט זיין האַרץ און ער, דער מאַן, וואָס האָט מיט דער שפּיז פון נקמה אויסגעלאָשן גאָטס צאָרן אויף די קינדער פון ישראל אין מדבר, האָט אַצינד געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילסטו אונז פאַרבלענדן, נמואל? צי באַגערסטו אונז אַריינצוכאַפּן אין אַ שטייג, אַז אומקומען זאָלן אונזערע קריגער צופוסנס די פעסטונגען? ווי מוראדיק זיינען די מעשיות, וואָס מיר האָבן געהערט אין מדבר וועגן דער שטאַרקייט פון יריחו! צי איז דען נישט געגליכן דיין שטאָט צו אַ הונגעריקן לעמפּערט, וואָס זיינע ציין קריצן קעגן דעם אמורי און זיינע לאַפּעס לויערן אויף די מלכים פון די מדינים און פון די חיתים?

נמואל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיצאָרט און צוגעשפּרייזט צו די צוויי אויסשפּירערס. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט איבער זייערע קעפּ, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט באַשיצן, און געזאָגט:

— ווי אַ לאַם וועט דער הונגעריקער לעמפּערט זיך אויסציִען פאַר אייערע פיילן־וואַרפער און שפּיזן־טרעגער! ווער ווייס עס נישט, אַז די קריגסלייט פון ישראל זיינען ווי צאָרנדיקע אָדלערס, געשווינד אין פלי, פלינק אין גבורה. זיי זיינען בייסיקער פון אַ האָרנשלאַנג אויפן וועג און שטאַרקער פון אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט.

— דו רעדסט ווי איינער, וואָס וויל דעם אונטערגאַנג פון יריחו, נמואל. אָבער דיין שנאה צו דיינע מלכים איז פון אונז פאַרבאָרגן. וואָס איז דיין סוד?

— נקמה — האָט נמואל געזאָגט.

— ווי גרויס איז די מאָס שלעכטס, וואָס איז דיר געטאָן געוואָרן?

— גרעסער ווי די ביטערקייט, וואָס האָט פאַרסמט מיין האַרץ. פאַר מיינע אויגן האָבן דעם ציננז־האַרס וועכטערס דערשטאָכן מיין ערשטן זון, ווען ער



האָט זיי קיין אונטערקויף־געלט נישט געוואָלט געבן און זיין יונג ווייב נישט געלאָזט שענדן. און איך האָב פאַר מיין שטאַרבנדיקן זון געשוואוירן: דיין בלוט זאָל נישט אויפהערן צו זידן ביז איך וועל נישט זען יריחו אין שטויב! און איך האָב געבעטן ביי די געטער, זיי זאָלן שיקן אַ פרעמד פאָלק צו באַלאַגערן די שטאָט, אַז איך זאָל אין טאָג פון רעכנשאַפט קענען צוזען ווי אירע מויערן וועלן צעקרישלט ווערן פאַר זייערע פיס.

פּנחס און כלב האָבן געשוויגן און געשטאַנען פאַרווירטע פאַר דעם מאַן, וואָס האָט ערשט זיין סוד אַנטפּלעקט. נמואל האָט זיי צוגעפירט צום אַרויסגאַנג פון דער הינטערשטער טיר.

— אַצינד גייט אַרויס און קוקט אָן יריחו איידער זי וועט אונטערגיין — האָט ער געזאָגט — און ווען איר וועט וואַנדערן איבער דער שטאָט, היט זיך פאַר די לוסטיקע פרויען אין די אויבערשטע גאַסן. זייערע אָרעמס זיינען וואַרעם און זייער הויט איז גלאַט ווי גלאָז. אָבער זייערע אויגן קענען חרוב מאַכן אַ מאַנס האַרץ. פאַרדאָרבן זיינען אַלע לוסטווייבער אין יריחו אויסער איינע, וואָס איר האַרץ איז ביטער אַזוי ווי מיינס אויף די הערשער פון רויב.

— ווער איז זי? — האָט כלב געפרעגט.

— רחב, די וואָס האַלט אַ גאַסטהויז אין דער שטאָט־מויער. אין יריחו ווייס מען, אַז איר וואוינאָרט איז אַ הויז פון פאַרגעניגן. פירשטן און קריגסלייט קומען אַהין שעפּן לוסט. זיי האָבן פאַרגעניגן פון ווייַן און יונגפרויען. די באַוואוינער רופן זי: רחב די זונה, די אויסגעלאַסענע. אָבער זי אַליין האָט אַ פאַרכטיק האַרץ און איז ערלעך צו מענטשן. בייטאָג אַרבעט זי ביים שפּינראָד און ביינאַכט מישט זי געטראַנקען און גרייט צו די געלעגערס פאַר אירע געסט.

— אויב אויסגעלאַסן איז רחב, ווי עס זאָגן די באַוואוינער — האָט כלב געפרעגט — ווי אַזוי קען איר האַרץ זיין ערלעך?

— דאָס הויז פון דער אויסגעלאַסענער אין יריחו איז דאָס הויז פון ערלעכקייט. נישט פאַרלאָשן ווערט ביינאַכט דאָס ליכט אין אירע שטיבער אַזוי ווי דער פלאַם פון נקמה אין איר האַרץ. פון די רייכע שינדט זי אָפּ די הויט, אָבער אירע אָרעמס שטרעקט זי אויס צו די געדריקטע, ווייל אויך איר האַרץ איז פאַרסמט פון האַס צו די פאַראומגליקער פון איר פאָטערס הויז.

נמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן בלויז אויף איין רגע און דערנאָך געזאָגט:

— אין איר הויז וואוינען אויך איר פאָטער און מוטער און אירע ברידער און שוועסטער. טייערע געוואַנדן שפּרייט זי אויס אויף אירע בעטן. פון פיינזילבער און פורפור זיינען אירע מלבושים. אָבער זי האָט נישט קיין מאַן, וואָס זאָל זיצן אין טויער מיט די עלטסטע פון לאַנד. איר לייב וויקלט זי אין רויטע ליינענטיכער און פון אירע ליפּן פאַלן אַראָפּ קלוגע רייד. אַ ריינע איז זי אַרויס פון איר מוטערס לייב. ווען זען וועט איר זי דערזען, וועט איר צו איר מוזן אויסרופן: אַלע יונגפרויען זיינען געבוירן געוואָרן אויף געפעלן צו ווערן די מאַנען, אָבער דו, רחב, שטייגסט זיי אַלע אַריבער!

— פאַרוואָס רעדסטו, נמואל, אַזויפיל לויב־רייד אויף רחב'ן? — האָט כלב געפרעגט — און פאַרוואָס דערציילסטו אונז וועגן דער אויסגעלאַסענער?

— ווייל אין איר הויז קען זיין אייער שוצאָרט, אויב נאָכיאָגן וועט מען אייך אין דער פרעמדער שטאָט.

ביי די דאָזיקע רייד האָט פּנחס אַ ציטער געטאָן. אַ בלייכקייט האָט אָפּגעגאָסן דאָס פנים פון דעם פאַרכטיקן מאַן. און אַזוי ווי די אומזיכערקייט איז געשטיגן אין זיין געמיט, אַזוי האָט די רואיקייט געשטאַרקט כלב'ס האַרץ.

און נמואל, דערזעענדיק איינעם צעטומלט און דעם צווייטן באַרואיקט, האָט ער נאָך געזאָגט:

— גייט אַרויס אין מאַרק פון די טעפּערס, וואָס אַנטקעגן דעם פּאַלאַץ, און פאַרשטעלט זיך דאָרט פאַר ליים־קלעפּערס, וואָס קומען פאַרקויפן כלים צו די באַוואוינער. טוט אָן אַלטע קליידער און רופט צו זיך קונים. וועט איר זיך דערוויסן ווער אייער פיינט איז. צי איז ער שטאַרק אָדער שוואַך? איז ער ווינציק אָדער פיל? גייט, מיין קנעכט תובל וועט אייך באַגלייטן.

דער אַלטער מאַן האָט געקוקט אַהין און אַהער איידער ער האָט געעפנט פאַר זיי די קופּערנע טיר.

— מיט דער ערלעכקייט פון מיין האַרץ און מיט דער ריינקייט אויף מיין צונג האָב איך צו אייך גערעדט, אויסקוקערס פון ישראל! — האָט ער געזאָגט — יריחו וועט אויפגעלייזט ווערן ווי וואַקס אין פייער אונטער דעם רעגן פון אייערע פיילן, און אירע מויערן וועלן זיך שמעלצן אין פלאַקער פון אייערע בראַנדהעלצער. אָבער ווען אייערע קריגסלייט וועלן אַריינגיין טיפער אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד, וועט איר פאַרלאָרן גיין אין די לעכער פון פעלזן און פאַרשוואונדן ווערן אין די שפּאַלטן פון די בערג. איר וועט מלחמה האַלטן מיט ריזן. איר וועט הונגעריק זיין נאָך ברויט און דורשטיק נאָך וואַסער. פון די ווינטן ביינאַכט וועט איר פרירן און אין דעם פלאַקער פון דער זון בייטאָג וועט איר פאַרברענט ווערן. אָבער אָפּשטיין זאָלט איר נישט אָפּשטיין. גייט אַריין און דעראָבערט! דערשלאָגט און באַזיגט!

*

# רבי אברהם מלאכס חתונה

יעקב פרידמאַן

א.

ראָטעם געפּאַנצערטע טשערקעסן
מיט צעפּאַטלטע קופּערנע בערד
רייטן דורך מעזשעריטש... אייז־ליכט צעשמאָלצן
צווישן גריוועס פון צעהירזשעטע פערד.

אויף שימלישע רוקנס, אין לבנהשן שניי,
הויבן טשערקעסן אָן טאַנצן אַ הוירע,
און טאַנצנדיק זינגען: „אידן, דאַוויי,
שטייט אויף לעבודת הבורא"...
און אַנטקעגן זיי,
פון גרויסן מגידס דעמבענע שאַלאַשן,
שפּרינגען טוטערן
מיט צעפלאַקערטע סטורקאַטשן.
„הודו לה'" זינגען די טוטערן,
און אין טענדע ווערענדעס מיט פידלען און צימבלען,
האָפּסלען מאַרשאַלעקעס אַנטקעגן נאַקעטע הימלען.

שטייט מעזשעריטש, קינד און קייט,
אָפן מויל און אויערן
און זעט: צוועלף שליטנס שווימען
דורכן מגידס אָפענע טויערן.



שפּאַנט פון ערשטן שליטן אַרויס דער גרויסער מגיד
און נאָך אים, פּאַמעלעך,
רבי שניאור זלמן פון לאַדי,
מיטן פידל פון דוד המלך.
און ביידע צדיקים פירן אַ ליכט־סנאָפּ,
אין דער מראה פון אַ בן־אדם,
און עס דוכט: דער ליכט־מענטש שפּרייזט
איבער אַ דינעם שטראַליקן פאָדעם,
וואָס הוידעט זיך צווישן מזלות
און דאָס ליכט איז אין אַ צווייטער ליכטיקייט פאַרשלאָסן.

— מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע! — שאַלן די טוטערן —
מאַכט אַ וואַרע פאַרן מגידס בן־יחיד, דעם הייליקן חתן!

ב.

הצות. הייליק שטערן־כתב ציטערט רמזימדיק־געהיים.
דער מגיד שפּרייזט, דורכן גאָרטן, מיט זיין בן־יחיד, דעם חתן.
אָוונטליכט האָט די עולמות מיט בלויען מים־חיים פאַרגאָסן,
נאָר שוואַרצע שיפן זעגלען דורך דער בלויעניש מיט געוויין.

דעם חתנס אָפּלען, ווי דערשראָקענע לבנות צווישן ברעמען־וואָלקן,
גלימען,
זיי זייען: דורך בלויעניש, אין די שוואַרצע שיפן, זעגלען די נפילים,
יענע הימלישע זין, וואָס האָבן צו ערד אַמאָל געניידערט פון אינסופן
און מיט מענטשן־טעכטער, פון פלייש און בלוט, צוזאַמען זיך
באַהאָפטן.
די נפילים, וואָס זעגלען, מיט שוואַרצע שיפן, דורך סעדער פאַרשנייטע,
זענען קודם, בעתן אַריינשווען, הימל־געוועב מיט שטערן פאַרזייטע,
נאָר ביים נידערן צו ערד, זוערן זיי מיט ווילד־פליישן האָריקע
פאַרצויגן:
איצט הויערן שוואַרץ־פּיסיקע חיות מיט רויטע ליימענע אויגן...
— הערסט, טאַטישע, הערסט דאָס געכליפּ פון פלייש און געביין?
... פּחדים!
טאַטישע, ס'איז מיר ענג אין פינסטערן גוף פון בן־אדם...
אַזוי כליפּעט דער בן־יחיד און דער גרויסער מגיד גלעט אים מיט
רחמים:
— זון מיינער, אברהמעניו, גלויב מיר, גוף האָט אויך זיין שליחות.
צי ביזטו דען, קינד מיינס, פון אברהם אבינו אַ גרעסערער מיוחס?
אויך אברהם האָט שלום געמאַכט מיט גוף, אויך יצחק און יעקב,
משה רבינו און דוד המלך... ס'איז כביכולס באַהאַלטענער מיין,
צו פלעכטן פון פלייש און ביין אַ לייטער און דורך חומרדיקע שטאַפּלען,
לאָזן די דורות פון ישראל צו זייער תכלית גיין...

דער גרויסער מגיד רעדט, און אברהמעניו, זיין בן־יחיד, דער חתן
ציטערט אין אַ לאַגל פון ליכט איינגעשלאָסן:
— טאַטישע — שעפּטשעט ער — זיי מיר מוחל, איך קען נישט...
מיין זעל
ציטערט פאַר פּחד און בושה...

איך קען נישט, טאַטישע, איך קען נישט געזעגענען צו דער אשה...
איך פאָרכט זיך פאַר פליישׁ... דאָס ליכט אין מיר פאָרכט זיך
צו פליישׁ צו געזעגענען...
ס׳איז דער אויבערשטער מיין עדות, אַז אַפילו דאָס שפּייזן־זיך,
יעדער ביסן־ברויט, יעדער שלוק־וואַסער, וואָס איך דאַרף נעמען צו זיך,
איז חיבוט־הקבר... אַלץ אין מיר ציטערט, נעמט כליפּען און וויינען.

אַמאָל זיץ איך אין ווינקל פון קלויז און מיר דוכט: אַ שטראַלן־
רעגן בין איך,
איך רעגן אין בלויעניש, אַזאַ שטראַלנדיקע אָן־גופישע־שטילעניש,
אַפילו דאָס געשטיין אונטער מיר, ווערט כוואַליענדיקע רוחניות...
די שכינה טוט זיך אויס פון איר פאַרהוילעניש,
און מיין נשמה פלאַטערט נאַקעט פאַר גאָט... אָט... אָט...

און פּלוצעם נעמט רופן דער שמש: „אברהמעניו, דאָס אָנבייסן
ווארט אויפן טיש..."
און איך... איך וויל דאָך מקיים־זיין כיבוד אב ואם, נעם איך אַ
שטיקל פלייש, אַ שטיקל פיש,
נאָר גאָט איז מיין עדות, דער צער איז אין לשער...
און איצט... איצט, טאַטישע, אַזאַ פּחדימדיקע בושה...
גאָט איז מיין עדות... איך קען נישט... קען נישט געזעגענען צו
דער אשה...
אַזוי רעדט דער בן־יחיד און וויינט,
ביים הערצן פון גרויסן מגיד אָנגעלייענט...

ג.

די זילבערנע קאַנאַריקעס אויפן בראָנדזענעם וואַנטזייגער,
טוען שפּרינגען און זינגען
און פאָכענדיק מיט פליגלען נעמען זיי צעקלינגען,
אין ספרים־שטוב, די דריטע שעה פון מוטער־נאַכט.
דאָס שטערן־כתב ווערט נענטער צו בלויע שויבן.
מילד האָט דער גרויסער מגיד צו זיין בן־יחיד זיך אַראָפּגעבויגן
און שטיל, ווי ער וואָלט אַ ברכה־געמאַכט, אַזוי געזאָגט:
— גאָט ברוך הוא, וועט באַלד אַרויסציען, פון פוטערפאַס, אַ נייעם טאָג
און דו, מיין זון, ווידערשפּעניקסט... זינט אדם הראשון ביזטו
דער ערשטער,
וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם וועלטס אייביקן גאַנג...
האָרך, מיין זון, פון אַלע בערג און טאָלן, פון אַלע ביימער און גראָזן,



גייט אויף דאָס קוואַליקע געזאַנג,
פון כל המיני באַשעפענישן, וואָס איילן מיט שמחה
צו דערפילן די מצווה פון פּריה ורביה. ס׳איז דעם אויבערשטנס רצון...
און דו, דו האָסט זיך אין אַ ליכט־לאָגל איינגעשלאָסן?
איך בין גוזר אויף דיר: גיי, מיין קינד!

ד.

לבנה־ליכט צעגאָרנט ביימער און בלעטער
אויף די ווענט פון שלאָף־שטוב... שטראַליקער געקלעטער
פון אַלערליי באַשעפענישן, וואָס האָבן אי יאָ אי נישט קיין נאָמען...
ער האָט געפאָלגט דער שטראַלן־מענטש און צו דער כלהס בעט
געקומען...
איצט שטייט ער איבער איר... ווייסע בערגער שניי
און צווישן זיי — אויגן צוויי...
ער פאָלגט דער שטראַלן־מענטש און גאַפט אַריין אין זיי,
אַ רגע גאַפט ער, ער גאַפט און פאַרגעסט, אַז ער גאַפט...
אים דוכט זיך: צוויי באַרג־וואַסערן קוועלן מיטן נאַכט.

— בויג דיך, רופט אַ קול, בויג דיך טיפער אַריין אין ברונעם!
און מיט אַמאָל, אין קוואַליקער טיף, דערזעט ער אַ פּנים,
קודם אַ פּנים און שפּעטער — אַ געשטאַלט,
שטייגט פון קוואַל אויף אַ לייטער, אין אָוונטליכט צעשטראַלט,
אַ געשטאַלט און אַ צווייטע, אויף יעדן שטאַפּל אַ געשטאַלט,
און אַלע געשטאַלטן, איינער ביי דער צווייטער, האַלט זיך ביי דער
ליכטיקער האַנט,
מיט איין האַנט האַלטן זיי זיך, און מיט דער צווייטער טראָגן זיי
ברענענדיקע תורות.
קוועלט דער באַרג־קוואַל: זעסט, אברהמעניו, איבער דער לייטער,
אין מיר, שטייגן די דורות,
די דורות פון ישראל... זיי שטייגן, נאָר דו איינער, דו אברהם בן דוב,
האַלטסט, דורך דיין גאווה, אונזער שטייגעניש אָפּ צום אינסוף...
אברהם בן דוב, זע און באַנעם: אונזער פלייש און בלוט איז גאָטס
ברונעם,
קלעטער דורך פלייש, וואָס איז פלייש נאָר לויטן נאָמען...
נישט פאַראַן קיין גוף, אַלץ איז ליכט אין כביכולס אייביקן רעגנבויגן.
האָט דער שטראַלן־מענטש אויפגעציטערט און זיך כליפּענדיק געבויגן
איבערן ווייסן שניי פון זיין כלה... און זיינע ליפּן האָבן אָנגערירט
אירע אויגן
און דערנאָך אירע ליפּן און דערנאָך דעם גאַנצן שטראַלנדיקן שניי...
און ער האָט דערפילט: זי איז אַ גאָרטן מיט הייליקע פּירות,
האָט ער טועם־געווען פון זיי
און געמאַכט אַ ברכה מיט ליבונג צום באַשעפער פון פּראַכט.

אין ס'איז געווען בעת גאָט ברוך הוא האָט אַהיימגענומען
די שטערן צום סוף פון דער נאַכט
און אַרויסגעפירט דאָס טאָג־ליכט פון פוטער־פאַס,
האָט זיך דער גרויסער מגיד באַגעגנט מיט זיין בן־יחיד אין גרויסן
שאָלאָש,
און ס'האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן זיין זון: „קינד מיינס,
וואו וואוינט גאָט?"
האָט זיך אברהמעניו צעשטאַמלט: געמיינט... געמיינט, אַז נאָר
אין הימל...
שפּעטער, געלויבט צו אים, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר דער סוד:
מלא כל הארץ כבודו... און אברהמעניו האָט זיך פאַר שמחה
צעוויינט
און זיין שטראַלן־קאָפּ אין גרויסן מגידס האַרצן אַנגעלייענט.

*

שמחה לעוו

# וועגן יהודה לייב גאָרדאָנס דערציילונגען

יהודה לייב גאָרדאָנס דערציילונגען שטייען זיכער ניט אויף דער מדרגה פון זיין פאַרטיפטער ליריק און זיינע תנ"כישע פּאָעמעס. אין די דערציילונגען איז יל"ג בעיקר אַ משכיל, אָבער אויך אין זיי איז יל"גס פאַרנעם געווען אַ סך ברייטער ווי די שמאָלע גרענעצן פון דער השכלה צו וועלכער ער האָט געהערט. די השכלה־איינשטעלונגען האָבן אים געפּענטעט. געשריבן האָט ער אין גייסט פון דער השכלה, אָבער ער ברעכט אירע צאַמען און לייגט אויס דעם וועג פאַר מענדעלע און שלום־עליכם, פייערבערג און ברענער וכד'. עס איז נאָך ניטאָ אין יל"גס דערציילונגען קיין שילדערונג, אָבער עס איז שוין פאַראַן דאָס גלאַטע „דערציילן אַ מעשה". עס איז נאָך ניטאָ ביי אים, אין די דערציילונגען, קיין ברייטע לייוונטן פון אידישן כלל־לעבן (ווי ביי מענדעלען), און אַוודאי ניט קיין יחידישע געשטאַלטן (ווי ביי שלום־עליכמען), אָבער זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן שוין דעם פּראָטעסט קעגן גורל פון דער אידישער אומה, וואָס די פעלקער רייסן פון איר שטיקער. שפּעטער וועט י. ח. ברענער קומען צום פאַרלייקענען אַלע אידישע ווערטן אויפן גרונט פון אָט־דעם יללהדיקן פּראָטעסט, וואָס י. ל. גאָרדאָן האָט געבויט די רושטעוואַניעס פאַר דעם. גאָרדאָן האָט ניט דעם „געלעכטער פון טרערן" וואָס ביי שלום־עליכמען, ניט די איראָניע און סאַטירע פון מענדעלען, אָבער ער פאַרמאָגט אַ דינעם שטיפערישן שמייכל און לייכטן שפּאָס. פייערבערגס משיח־חלום איז שוין פאַראַן ביי יל"גן („ולא ביד חזקה"). אין גאָרדאָנס פּראָזע זיינען דאָ סימנים פון אַן איבערברוך אין דעם אופן פון דערציילן אַ מעשה, פון געבן דעם כאַראַקטעריסטישן מאָנאָלאָג און דיאַלאָג, אַ זאַך וואָס זיינע פאָרגענגער, די משכילים, האָבן זיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן דערמיט. און דאָך איז גאָרדאָן אין דער טראַדיציע פון משכילישן שרייבן. פאַראַן ביי אים דערציילונגען, וואָס זיינען דורכאויס „אויפקלערערישע", וואָס גאָרדאָנס סטיל קען זיי נישט אַרויסהויבן פון משכילישן נוסח. ער איז אין גערעַנגל צווישן משכילישן איינשטעל און גאָרדאָנישן פלי, וואָס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלן שוואונג און נאַציאָ־



נאַל־פילאָזאָפישע ווייטזעעוודיקייט. דער אינעווייניקסטער ויתרוצצו צווישן גאָרדאָנס נאַציאָנאַל־פילאָזאָפישן באַנעם און זיין ציען זיך צו משכילישע נוס־חאות איז אַ כאַראַקטעריסטישער גאָרדאָן־וועג.

גאָרדאָן איז אפשר ניט געווען קיין עכטער דערציילער. זיינע מענטשן זיינען ניט קיין פולבלוטיקע געשטאַלטן מיט אַן אייגענעם פּרצוף־פּנים, מיט כאַראַקטער־שטריכן וואָס זיינען אייגנטלעך נאָר זיי, און דאָך האָבן זיי אַ צויבער און לאָזן זיך ניט פאַרגעסן.

וואָס איז דער צויבער פון י. ל. גאָרדאָנס דערציילונגען? דער גאָרדאָ־נישער לירישער געמיט און זיין מאַטערן זיך מיט פּראָבלעמען פון אידישן קיום, זיין ציטערן איבערן גורל פון פאָלק — איז זייער צויבער. דאָס מאַכט זיי אַקטועל אַפילו פאַר אונזער צייט. און נאָך מער, גאָרדאָן האָט אויפגעקליבן די פונקען פון אידישקייט ביי דעם „תינוק שנשבה בין הגויים" און האָט זיי אַרויסגעבראַכט. מען פילט ביי גאָרדאָנען אַ טיפע איבערצייגונג, אַז אידן אַסימילירן זיך ניט. זיי ווערן אָפּגעפרעמדט, אָבער דער אידישער פונק לעשט זיך ניט אויס און איז עלול זיך אָנצוצינדן פונדאָסניי.

די דערציילונג „די טרוקענע ביינער" הויבט גאָרדאָן אָן מיט דעם פייער־לעכן פאַרגלייך:

„אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג שטייט אַ צעצווייגטער דעמב מיט אַ פעסטן שטאַם. פרילינג איז ער געווען צעבליט און זיין קרוין איז געווען גרין. אונטן זיינען די וואָרצלען געווען גערדיכט פאַנאַנדערגעוואָקסן און דער גאַנצער בוים איז פול געווען מיט הימלשן טוי. אין זיינע צווייגן האָבן פייגל נעסטן געבויט און אונטער זיין שאָטן האָבן מידע גערוט... אַוועק דער זומער, געקומען האַרבסט. עס זיינען אָנגעלאָפן ווינטן און האָבן אַראָפּגעריסן זיין צירונג, די בלעטער זיינען געוואָרן געל, די צווייגן טרוקן און פאַרוויאַנעט. די קוואַלן און די טאָלן זיינען פול געוואָרן פון רויב. די וואָס זיינען פריער אין זיין שאָטן געזעסן, האָבן איצט מיט שווערע טריט געטראָטן די בלעטער און זיי פאַרוואַנדלט אין מיסט... דער גורל פון דעם בוים איז דער גורל פון מיין פאָלק... איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג פאַר אים אַז ער וועט קריגן פייכטקייט און וועט זיך צעבליען? וועלן נאָך אויפלעבן צוריק די טרוקענע ביינער? גאָט, מיין גאָט, דו אַליין ווייסט דעם באַשייד!"

דער עצם פון געבן אַ הקדמה צו אַ דערציילונג איז ניט געווען קיין נייס. די רוסישע שרייבער פון יענער צייט האָבן אויך אַזוי געשריבן. דער חידוש איז אָבער אין דעם הייסן נאַציאָנאַלן געפיל וואָס אין דער הקדמה. גאָרדאָן איז אונז מודיע, אַז ער איז אויסן צו פאַרטראַכטן זיך איבערן גורל פון פאָלק און אויפדעקן די אייגנאַרטיקייט פון דער אידישער מענטאַליטעט. אָט־דער „גאָט, מיין גאָט, דו אַליין ווייסט דעם באַשייד" פאַרקניפּט גאָרדאָנען מיט די זוכענישן פון אונזער צייט, און „דעם באַשייד" זוכט מען דאָך נאָך ביז איצט.

עס איז געוואָרן ביי אונז אַ מאָדע צו שימפן די השכלה, באשר מען געפינט אויס עפּעס אַ זאָג ביי משה מענדעלסאָן. עס איז פאַראַן אַ טיפער אונטערשייד צווישן דער השכלה אין צענטראַל־אייראָפּע (דייטשלאַנד) און מזרח־אייראָפּע (רוסלאַנד). די דייטשישע השכלה ווי די מערב־אייראָפּעאישע איז געווען אַנאַציאָנאַל און אַפילו אַנטי־נאַציאָנאַל. די השכלה אין רוסלאַנד איז געווען דורכאויס נאַציאָנאַל. פון דער השכלה אין רוסלאַנד שטאַמען אי דובנאָוו, אי אחד העם, אי די גאַנצע מאָדערנע העברעאישע און אידישע ליטעראַטור. י. ל. גאָרדאָן, מאַפּו, סמאָלענסקין און מענדעלע זיינען געזעסן אין פאָלק, געוויטיקט זיינע ווייטיקן, געזוכט תחבולות אויפצוהויבן זיין שטאַנד פון אינעווייניק און טרייסטן דאָס פאָלק אין זיין נויט. יל"ג איז געווען אַ משכיל, אָבער זיין שאַפן איז געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון און מיט אַן אייגענער

אויפפאַסונג פון אידישן לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין זיין צייט.

אין 1876 קומט גאָרדאָן קיין בערלין, פאַרגלייכט ער בערלין מיט פעטערבורג און ער זאָגט:

„...אָבער ניט דאָס אינטערעסירט מיך. מיינע געדאַנקען ציען זיך צו די אויפטוען וואָס אין דער גרויסער שטאָט, די געבורטס־שטאָט פון אידישער השכלה און רעפאָרמען (השכלת עמי ותקנתו). עס האָט זיך געפרייט מיין האַרץ וואָס איך שטיי אויף דער ערד... וואו מענדעלסאָן און זיין גאַנצער דור האָבן געלעבט, אין לאַנד וואו חכמת ישראל איז געבאָרן געוואָרן" (כתבי י. ל. גאָרדאָן, ספר ראשון, תל־אָביב תרפ"ח, זייטן 43־44).

כאָטש גאָרדאָן איז באַגייסטערט פאַר דער בערלינער השכלה, זעט ער אַז די משכילים זיינען צו וויט אַוועק מיט זייערע רעפאָרמען און אַז אין דעם נוסח פון זייער תפילה רייסן זיי זיך אָפּ פון אידישן דרך:

„די פיוטים [אין יום־כיפורדיקן דאַווענען] וואָס נאָך דער עבודה, וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ קלאָגן אויף דעם גלות און די צרות וואָס ציען זיך אַזוי לאַנג, האָבן זיי אויסגעמעקט אינגאַנצן, ווייל זיי האָבן זיך באַטראַכט ווי אויסגעלייזטע... איך האָב דערפון קיין נחת נישט געהאַט" (דאָרטן, זייט 46).

גאָרדאָן דערציילט אויך וועגן אַ באַזוך אין אַ כאָרשול אין בערלין צו קבלת שבת. ער שילדערט די פּראַכטפולע געביידע, דעם גרויסן כאָר פון בחורים און מיידלעך, צווישן זיי אויך נישט־אידישע, און ער גיט איבער ווי די טאָכטער פון סטרוזש, וואָס האָט געזונגען אין כאָר, האָט געזאָגט צו איר טאַטן נאָך דעם דאַווענען: „טאַטע, טאַטע, היינט איז דער 'שמע ישראל' אַרויס אָן טעם און אָן גלאַנץ". ער פאַרענדיקט, אַז אַלקביץ האָט זיכער ניט געטראַכט, אַז זיין געזאַנג צו דער שבת מלכתא וועט אַריינפאַלן אין אַזעלכע מיילער (זייטן 46־47). די עטלעכע פּרטים באַווייזן, אַז די השכלה־באַוועגונג איז ניט געווען פון איין גוס. די אויפקלערער אין דייטשלאַנד און די משכילים אין רוסלאַנד זיינען ניט פון איין טויג געקנאָטן און האָבן בנוגע דעם אידישן פּראָבלעם ניט געהאַט די זעלביקע איינשטעלונג. עס זיינען געווען משכילים און משכילים, אַ השכלה און אַ השכלה.

צוויי דערציילונגען זיינען דאָ ביי יל"גן וואָס געהערן צום מין וואָס מען קען אָנרופן תינוק שנשבה — אידן געפאַנגענע צווישן גוים פון דער פריסטער יוגנט אָן. זיי ווייסן גאָרניט פון זייער אידישקייט, אָבער עס ציט זיי צום מקור. איין דערציילונג האָט צו טאָן מיטן לעבן פון אידן אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער „גרויסער בהלה" (רעקרוטשינע); די אַנדערע — מיטן לעבן פון אידן אין פראַנקרייך אין דער עפּאָכע פון דער צווייטער אימפּעריע. אין דער ערשטער דערציילונג „די טרוקענע ביינער" שטאַמט דער העלד פון די נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק — ער פאַלט אַריין אין קאַזאַרמע ווייל זיין רייכער קרוב וויל אויסהיטן זיין זון פון רעקרוטשינע, שרייבט ער צו זיין אָרעמען קרוב צו זיין משפחה און גיט אים אָפּ אָנשטאָט זיין אייגענעם זון פאַר אַ סאָלדאַט. אין דער צווייטער דערציילונג „מוטער־ליבע" איז די העלדין אַ טאָכטער פון אַן אַריסטאָקראַטישער אידישער משפחה, וואָס קומט אין דער געזעלשאַפט פון די רעגירנדיקע קרייזן און דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער. נישט געקוקט אויף דער אַנדערשקייט פון די טעריטאָריאַלע, סאָציאַלע און רעכטלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די צוויי העלדן לעבן און האָבן זיך אויסגעפורעמט, געפינט אין זיי גאָרדאָן אַ געמיינזאַמען בשותפותדיקן שטריך: אידישער אָפּשטאַם און אידישער גורל. ביידע בלייבן טאַקע אָפּגעפרעמדט פון אידן, אָבער עס ציט זיי צו אידן. זיי לעבן ווי גוים, אָבער זייער טיפסטער אינערלעכער



באַגער איז אָנגעקניפּט צו זיין אָן אידן און אידישקייט, צי ביים לעבן אָדער נאָכן טויט. אידישקייט איז אַזאַ געפיל וואָס אַפילו דער טויט לייזט אים ניט אויף — אַזאַ איז גאָרדאָנס אויפפאַסונג אין זיינע דערציילונגען.

דער אינהאַלט פון דער דערציילונג „די טרוקענע ביינער" איז אַזאַ: אַ אינגל פון עלף יאָר ווערט אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן און מען שמדט אים מיט גוואַלד. דאָס בחורל, אַן אָרעמען שניידערס אַ זון פון ליבושישאָק, ווערט דערנאָכדעם דער אַדמיראַל אַלעקסאַנדער וואַסיליטש יעשליראָוו. צווישן די רעקרוטן האָט זיך אויך געפונען אַ אינגל יעקב כ"ץ, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג „צו מליצה און ליד" און דערפאַר טאַקע האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט. „נאָר דאָס אינגל, שרייבט גאָרדאָן, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַן אַפּיקורס — ער איז עס געווען דער וואָס האָט געמונטערט די אַנדערע אינגלעך, רעקרוטן, זיך צו האַלטן אין זייער גאָט (להחזיק במעוזם) און זיך מוסר־נפש צו זיין אויף דער הייליקייט פון זייער אמונה".

די טעמע וועגן די „כאַפּער" האָט שטאַרק פאַרנומען די שרייבער אין רוסלאַנד אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז קהל האָט צוגעשטעלט די רעקרוטן און די „כאַפּער" זיינען געווען אידן. די משכילים האָבן ניט געקענט מוחל זיין קהל וואָס איז באַגאַנגען אַ סך עוולות. גאָרדאָן האָט זיך זייער שטאַרק איבערגענומען מיט דעם. סיי אין דער דערציילונג „די טרוקענע ביינער" און סיי אין דעם קליין ביכעלע לידער אויף אידיש „שיחת חולין" קומט ער צו אָט־דער טעמע. אין דעם קליינעם ביכעלע „שיחת חולין" („לידער אין דער פאָלקס־שפּראַך", ווי גאָרדאָן באַצייכנט זיי) איז פאַראַן „אַ מעשה פון פאַרצייטן" אונטערן נאָמען „עיכוב הקריאה", וואָס לייענט זיך אַזוי:

„ביים ארון־קודש אויף די טרעפּלעך / שטייט אַ אשה און טרעט ניט אָפּ / ...זי האַלט מיט ביידע הענט דעם פּרוכת / און פון ארון־קודש די טיר / און שרייט און וויינט מיט אַלע כוחות / ...וואָס האָט איר, רוצחים, געוואַלד באַנדיטן, / אויף מיין לעבן זיך אָנגעזעצט? / פאַרוואָס האָט איר מיין זון דעם דריטן / אין קאַזאַרמע אַריינגעזעצט? / צוויי זין מיינע, דורך פאַלשע נעמען, / האָט איר שוין פאַרטיק געמאַכט / און איצט ווידער לאָזט איר נעמען / דעם דריטן היינטיקע נאַכט?"

אין דער דערציילונג „די טרוקענע ביינער" איז דער פּראָטעסט קעגן קהל אָפּגערוקט אין אַ זייט. דער עיקר איז דאָ, וואָס יעשליראָוו, נאָכן דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום, ווערט אַן אַדמיראַל, האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון אַ פּריץ, ווערט אַליין אַ גוט־באַזיצער — דאַכט זיך, גענוג צו פאַרגעסן דעם אַמאָל, אָבער, עס געשעט ניט אַזוי. נאָך זעקס און צוואַנציק יאָר קערט זיך יעשליראָוו אום אין זיין שטעטל, אַ קוק טאָן אויף זיין היים, און זאָרגט וועגן איינאָרדענען די משפּחה, באַזאָרגן מיט חיונה זיין אַלטע מאַמע, זיינע שוועסטער און זייערע קינדער. זיין ברודער, אַן אָרעמער מלמד, וויל זיך ניט באַגעגענען מיטן ברודער דעם משומד און וויל ניט נהנה זיין פון זיינע טובות.

גאָרדאָן איז ניט אויף דער זייט פון דעם מלמד, דאָך מיידט ער אים ניט אויס. ער האָט געפילט, אַז מען קען ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אַזאַ דערשיינונג, ווען צוליב טריישאַפט צו אמונה, צו אידישקייט, זאָגט מען זיך אָפּ פון תענוגי עולם הזה און פון „פאַרזיכערן די פרנסה". גאָרדאָן איז צופיל „אויפגעקלערטער" אויף אָננעמען דעם מלמדס שטאַנדפּונקט, אָבער דער שרייבערישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דער פּשוטער אָרעמער אידישער מלמד האָט נשמה־גרויסקייט. ער קלייבט ליבערשט אויס זיין אָרעמקייט איידער

נהנה זיין פון משומדס עשירות. עס לעבט אין אידן אַן אינסטינקט וואָס גייט ניט אויף קיין פשרות. דאָס האָט גאָרדאָן דערפילט. ניט אַלע אידן ווערן אין דער דערציילונג געשילדערט מיט דער גייסטיקער גבורה פון דעם מלמד. עס זיינען פאַראַן דאָרט אידן וואָס זיינען אָפּנאַרער און אויסנאַרער, אָבער ניט אויף זיי ליגט דער געוויכט.

פאַר אַלע טובות וואָס יעשליראָוו טוט זיין משפחה פאַרלאַנגט ער, אַז דאָס ערשטע קינד וואָס וועט געבוירן ווערן אין דער משפחה זאָל מען אַ נאָמען געבן נאָך אים, ווי ער האָט געהייסן פאַרן שמד — יוסף. עס איז אַן אָנצוהערעניש, אַז כאָטש מען לעבט ווי אַ גוי, וויל מען האָבן אַ זכר ביי אידן, איינגעוועבט זיין אין אידישן שטאַם.

די דערציילונג גופא האָט אַ סך פאַלשע סיטואַציעס. דאָס גראָטנסטע אין דער דערציילונג איז דער נאָמען „די טרוקענע ביינער“. אַלע פּערסאָנאַזשן זיינען דאָ טרוקענע ביינער. יעשליראָוו, זיין מאַמע, זיינע שוועסטער, דער בילדונגס־אינספּעקטאָר שעמאַשאָוו — אַלע זיינען זיי אָפּגעטריקנטע ביינער. די דערציילונג גופא איז אַ קינסטלעכע, און דאָך הויערט איבער איר אַ וואַרעם אידיש האַרץ. עס איז פאַראַן אין דער דערציילונג אַ וויי־געשריי אויף אידיש לעבן וואָס האָט ניט קיין אויסוועג.

די דערציילונג „רחמי אם“ (מוטער־ליבע) איז כמעט אַ פּאָעמע אין פּראָזע. עס איז געשריבן איינגעהאַלטן און בצמצומדיק, און מיט אַ סך אינעווייניקסטער באַגייסטערונג. וואָס מער די באַגייסטערונג איז פאַרבאָרגן, אַלץ מער גאַנצקייט און אויסגעזונגענקייט פאַרמאָגט די דערציילונג. עס איז די טעמע פון „תינוק שנשבה“. גאָרדאָן שילדערט די אייגנאַרט פון דער אידישער פּסיכיק. שוין כמעט אויסגעלאָשענע פונקען צינדן זיך אָן איבעראַנייס. באַדינגונגען בייטן זיך, אָבער עס פאַרגייט ניט דער טרויער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט געשליידערט פון אויסערלעכע כוחות.

אַ רייכער אידישער סוחר פון באָרדאָ, וואָס פאַרמאָגט אייגענע וויינגערטנער און קעלטערס, זיינע וויינען ווערן פאַרקויפט אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, ווערט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 אויסגעקליבן פאַר אַ דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט. ער ציט זיך אַריבער קיין פּאַריז. זיין שטוב ווערט אַ צענטער פאַר מיניסטאָרן, הויכע מלוכה־פונקציאָנאַרן, דיפּלאָמאַטן. נאָך דער איבערקערעניש פון לואי באָנאָפּאַרט זוכט מען אים צו אַרעסטירן. דער פאָרשטייער פון נעאַפּאָל, פּירשט אַנטאָניוס לאַפּרעדאָ, וואָרנט אים און באַהאַלט אים אויס. דער סוחר פון באָרדאָ האָט צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. לאַפּרעדאָ פאַרליבט זיך אין זיין טאָכטער, און איידער דער שידוך קומט צו שטאַנד, שטאַרבט דער פאָטער. די מאַמע גיט איר הסכמה אויפן שידוך, אָבער זי פאַרלאַנגט פון דער טאָכטער אַ צוזאָג, אַז זי וועט זיך ניט שמדן. די טאָכטער האַלט דעם צוזאָג מיטן הסכם פון איר מאַן לאַפּרעדאָ. עס קומט פאָר די פאַראייניקונג פון איטאַליע און לאַפּרעדאָ ווערט אויס אַמבאַסאַדאָר. ער ווערט מיט זיין משפחה, זיין אידישע פרוי און זייערע פיר קינדער, ווי אויך דער פרויס מוטער, מגולגל קיין פּעטערבורג, און ווערט דאָרט דער קאָמאַנדיר פון רייטער־פאָלק וואָס היט דעם קייסער. דאָ מוזן די לאַפּרעדאָס היטן דעם סוד, אַז די פרוי שטאַמט פון אידן. עס שטייט אין קאָן לאַפּרעדאָס קאַריערע. דערווייל שטאַרבט די אַלטע אידישע מוטער. פאַרן טויט גייט זי איין מען זאָל זי מקבר זיין אויפן גויאישן בית־הקברות, כדי צו היטן דעם סוד. זי פאָדערט, אָבער, אַז מען זאָל באַזאָרגן נאָך איר אַ קדיש־זאָגער און אַ



יאָרצייט־אָפּהיטער. די טאָכטער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף דערפילן דער מאַמעס צוואה. אַנוסים פון 19טן יאָרהונדערט.

ביי גאָרדאָנען איז דיווירקלעכקייט וואָס ער שילדערט ניט מער ווי אַ מיטל אויף אַרויסצוברענגען דעם אידן וואָס קען זיך פון זיין אידישקייט ניט באַפרייען, ווען אַפילו ביים לעבן ווערט ער „פּטור“ פון איר. לעבנס־באַדינגונגען קענען דעם אידן פאַרוואַרפן אין כף־הקלע, אָבער די אידישקייט פון זיין נשמה קענען זיי ניט אַרויסרייסן. צי אַ איד שטאַמט פון די אָרעמסטע און נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק און אַרבעט זיך אַרויף צו ווערן אַן אַדמיראַל און גוט־באַזיצער („די טרוקענע ביינער“), אָדער ער איז פון סאַמע לכתחילה רייך און אָנגעזעען און שטייגט גאָר הויך אויפן סאָציאַלן לייטער („מאַמע־ליבע“) — ער קערט זיך צוריק צום אידישן שורש. אַפילו ווען די ביינער ליגן אויף אַ גויאישן בית־הקברות, שטרעבט זיין נשמה צום אידישן קדיש און יאָרצייט. און ווייל גאָרדאָן ברענגט דעם זעלביקן מאָטיוו אין צוויי דערציילונגען פון צוויי פאַרשיידענע לעבנס־תנאים און סאָציאַלע ספערן, זאָגט ער דערמיט, אַז דאָס איז אַ אידישער גרונט־שטריך, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון צייט און אָרט. עס איז דאָ אַן איינהייט פון אידישער מענטאַליטעט, צי אין רוסלאַנד, צי אין פראַנקרייך, ביי אָרעמע ווי ביי רייכע, ביי געפייניקטע און ביי די וואָס האָדעווען זיך אין וואוילטאָג. דערציאונג און לעבנס־שטייגער קענען ניט אַרויסרייסן דעם איד פון דעם אידן, — דאָס איז גאָרדאָנס אויפפאַסונג פון אידישקייט אין די צוויי דערציילונגען.

גאָרדאָן איז אָבער געווען אַ משכיל און האָט פון זיין אויפקלערערישקייט ניט געקענט אַרויסקריכן. דאָס רוב דערציילונגען זיינע האָבן אַ משכילישן אונטערטאָן, און דאָס אידישע לעבן ווערט געשילדערט אַראָפּרייסעריש. אַזאַ, למשל, איז זיין דערציילונג „קעלבערנע פיסלעך“ (כף רגל עגל). די דערציילונג איז גיכער אַ גרויסע, צעצויגענע הומאָרעסקע. גאָרדאָנס שפּראַךמייסטערשאַפט און געלונגענע פּאַראָדיעס קענען זי ניט אַרויסהייבן פון דער אַלגעמיינער קורצזיכטיקייט פון דער השכלה־ליטעראַטור פון זיין צייט.

גאָרדאָן פאַרמאָגט אַ געפיל פאַר הומאָר. אין דער דערציילונג „קעלבערנע פיסלעך“ און אין „שיחת חולין“ קומט זיין הומאָר צום אויסדרוק. אַ הומאָריסטישער טאָן איז אויך פאַראַן אין זיין דערציילונג „קפיצת הדרך“. אין „שיחת חולין“ (וואָכעדיקע רייד) גייט עס אַזוי:

„ליבער לעזער, איך בעט אייך מחילה / איר זאָלט ניט פאַריבל האָבן, חס וחלילה, / וואָס איך רעד אייך אין מיינע מעשות / האַלב־דייטש, פּאָלאָווינאַ רייסיש, / און אַמאָל וועט איר גאָר געפינען אַן אָרט / וואו עס כאַפּט זיך אַריין אַ הויך־טייטשיש וואָרט. / איר זאָלט זיך דערפון ניט שטויסן / איך בין דערמיט גאָרניט אויסן; / איך בין כ׳לעבן קיין טייטש ניט / בין אַ גאַנץ טייערע, ערלעכער איד; / מיר איז הייליק דער לשון פון ׳צאינה וראינה׳ / דער לשון וואָס אַלע אידן ריידן / דער לשון פון מיין אַלטער באָבע כיענע, / זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, / דער לשון פון מיין באָבען, פון מיין זיידן, / פון מיין טאַטן, פון מיין מאַמען, — / דאָס מאַכן אָבער אַלץ אָן די גראַמען. / אַז מען קומט אַמאָל צו קורץ מיט אַ גראַם, / כאַפּט אַבי וואו אַ וואָרט מן הסתם, / אַ טייטשעס, אַ רייסעש, — אַלץ איז אַ מציאה. / אַז מען דאַרף דעם גנב נעמט מען אים פון תליה“.

אַז גאָרדאָן האָט געשריבן פאַרן פאָלק, אָדער וועגן פאָלק האָט ער זיך דערלויבט אַ וויצל צו טאָן. ער האָט, משמעות, ניט געוואָגט צו ריידן מיט אַזאַ „לייכטזין“ צום בעל לשון, דעם משכיל. די גרינגקייט פון לאַכן פון זיך אַליין האָט ער זיך דערלויבט אין „לשון פון טאַטן און פון דער מאַמען“, אָבער

אין לשון פון די כתבי הקודש האָט ער זיך אָנגעטאָן אין האַרטן קראַגן און זיין וויץ האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער האָט, זעט אויס, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון די פּענטעס וואָס ער האָט זיך אַליין מיט זיי געבונדן, האָט ער זיין געצוימטן הומאָר געפּרוּווט אויסגיסן אויף רב און גביר, אויפן בעל־טאַקסע און קהלשע פּאַראַנדקעס, און עס איז געקומען דער חצי־פּעליעטאָן און חצי־הומאָרעסקע, די „קעלבערנע פּיסלעך".

דער אינהאַלט: אַ שטעטל ווערט רואינירט צוליב צוויי קעלבערנע פּיסלעך און צוליב דער קנאה צווישן דער רביצין און דער גבירטע פון שטעטל. אויף שבת מאַכט מען פּעטשאַ, דאַרף מען האָבן קעלבערנע פּיסלעך. צום גביר דאַרף קומען דער פּריץ, דאַרף די גבירטע האָבן אַ צוגאָב פון נאָך צוויי קעלבערנע פּיסלעך, און עס איז ניט צו קריגן. מיט גבירישער תקיפות נעמט זי צו ביים קצב די צוויי פּיסלעך וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר דער רביצין. די רביצין בלייבט נעבאַך אָן פּעטשאַ. זי קלאָגט אַזוי לאַנג איבערן רב ביז זי פּועלט ביי אים צו אַסורן די פּיסלעך צוליב חשש טריפה, ווייל לויטן חשבון ווערן פאַרקויפט אין שטעטל מער פּיסלעך וויפל קעלבער עס ווערן געשאָכטן. דאָס שטעטל פאָלגט אויס דעם רבס איסור, אָבער עס קומען דערפון אַרויס מחלוקת און מסירות. דאָס שטעטל ווערט בדיל הדל — און אַלץ צוליב צוויי קעלבערנע פּיסלעך.

גאָרדאָן האָט געשילדערט די מענטשן פון דער השכלה, אָבער ער האָט ניט געשילדערט קיין השכלה־באַוועגונג. די השכלה איז לויט גאָרדאָנען אַ לויזע, קוים־געבונדענע חברה. עס זיינען יחידים מיט באַזונדערע פעאיקייטן, וואָס זייער שטרעבונג איז אַרויסצוגיין פון די ענגע ווענט פון דער ישיבה און אַלט־אידישקייט און קומען צו „דער הימלשער השכלה". ער גיט ניט קיין אַטמאָספער־שילדערונג פון אַ באַוועגונג, ער ברענגט אָבער אַרויס אַ השכלה־שטימונג. גראָד ברענגענדיק די אומקלאָרע שטימונגען, וואָס באַהערשן די אָנהענגער פון דער השכלה, איז גאָרדאָן גורם אַז מיר דערפילן די השכלה־באַוועגונג, אירע דערגרייכונגען, און די נייע פּרנסות צו וועלכע די משכילים ציען זיך (מעדיצין, אַדוואָקאַטור, באַן־בויאונג, אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל און אַנדערע). כאָטש די סיטואַציעס אין זיינע דערציילונגען זיינען אָנגעצויגענע, איז פאַראַן אַ רעאַלע סביבה פון משכילים. זיין דערציילונג „המעורב בדעת" (דער צעמישטער) וואו ער שילדערט דעם משכיל הערשל בראָדאָווסקי, לאָזט זיך כמעט ניט אַנאַליזירן. דעם אויפגעקלערטן משכיל באַטראַכט דאָס שטעטל פאַר אַ משוגענעם, און גראָד איז ער אַ פעאיקער מענטש און אַ פּראַקטישער סוחר, וואָס האַנדלט מיט לאָנדאָן. די דערציילונג אַליין האָט ניט קיין פעסטן בוי, אָבער די השכלה אין רוסלאַנד מיט אירע ווידערשפּרוכן, אירע מעלות און חסרונות פילט מען אין דער דערציילונג.

פאַראַן ביי גאָרדאָנען אַ דערציילונג וואָס הייסט „קפיצת הדרך". קפיצת הדרך האָט דאָ אַ פאַרקערטן באַדייט: מען שלעפּט זיך. מען פאָרט מיט פערד־ און וואָגן און מען שטייט אויס צרות פון די בעלי־עגלות. די בעלי־עגלות רופט גאָרדאָן אָן „די מנהיגי הדור", וואָס פירן אידן פון אָרט צו אָרט. דאָס שפּילן זיך מיט די ווערטער „קפיצת הדרך" און „מנהיגי הדור" ווייזט, אַז גאָרדאָן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָנגעצויגנקייט פון שרייבן אין דער שפּראַך פון די נביאים. אין דער שילדערונג פון דעם בעל־העגלה, גרשון דער מגיד, איז שוין פאַראַן אַן אָנזאָג אויף טביה דער מילכיקער. גרשון איז אַ פאָלקס־מענטש וואָס רירט זיך ניט אָן אַ פּסוק אָדער מאמר חז"ל: פאַרוואָס



רופט מען אים תרח? ווייל ער איז אַ טרחן, אַן אַקטיווער, ענערגישער מענטש (אַ שפּיל פון דעם נאָמען תרח און טרחן, וואָס באַדייט באַמיאונג, אַן אָנהויב פון פאַרדרייען דעם טייטש). דער ר' גרשון דער מגיד האָט נאָך ניט די פריקייט מיט אַ פּסוק, ווי עס האָט אַ טביה, אָבער ער האָט שוין דעם אָנשטעל פון זאָגן תורה ווי אַ חסידישער רבי: דער בעל־עגלה איז געקומען, זאָגט ר' גרשון, „כדי אַרויסשלאָגן די קרומקייטן פון אידנס האַרץ און אים צוגעוואוינען צו דער ביטערקייט פון גלות". עס איז אַ קרומער פּשט מיט אַ גלייכן צוועק, וואָס מיר וועלן שפּעטער טרעפן ביי טביהן. אַ סך אַזעלכע פּשטלעך און פאַרגרייזונגען שרייבט־צו גאָרדאָן צו זיין ר' גרשון דעם מגיד. פאַראַן תמימות אין ר' גרשונען, און עס איז פאַראַן ליבשאַפט צום פאָלקס־מענטשן אין דער דערציילונג.

אין זיין פּראָזע האָט י. ל. גאָרדאָן געפּרוּווט אַריינפירן פאָלקסטימלעכקייט אין העברעאיש. ער האָט געפּרוּווט אין די דערציילונגען אַריינצונעמען אידישע און רוסישע שפּריכווערטער און זיי איבערבויען אויף העברעאיש. „צוויי מתים גייען טאַנצן" זעצט ער איבער — כמתים שנים במחולות מחנים. גוט, צי שלעכט, דער פאַרלאַנג אַריינצוברענגען פאָלקסטימלעכקייט אין העברעאיש איז דאָ קאַנטיק. צוליב פאָלקסטימלעכקייט האָט ער אויך גענוצט גמרא־ווערטער און זוהר־אויסדרוקן אין זיין פּראָזע. עס איז אַ שטרעבונג וואָכעדיקער צו מאַכן די העברעאישע מליצה־שפּראַך פון זיין צייט. טעמאַטיש האָט גאָרדאָן געזוכט צו דערגרונטעווען זיך צום באַשייד פון אידישן גורל, צו עיקר־פּראָבלעמען פון אידישן נאַציאָנאַלן לעבן. ער האָט געשאַפן אַ העברעאישן מאָנאָלאָג, וואָס קלינגט „ווי מענטשן ריידן". זיין פּראָזע פאַרמאָגט חידוש און אויפּטו.

*

מלכה חפץ טוזמאַן

## שאָטנס פון געדענקען

פאַראַן אַ געדענקען וואָס איז ניט „אויפצוריק".

אַ געדענקען וואָס ווילט און „וועטזיין"
שאָטנט אין מיין בענקען.

די שאָטנס האָבן ריח וואָס שאַרפן די חושים;
זיי האָבן קאָלירן וואָס רעגן דאָס זעען.

הינטער די וויעס פון צוגעמאַכטע אויגן —
אַ געשפּיל פון ליכט־פעדים.
זיי ציען דאָס בענקען
צו יענעם געדענקען.

נאָך דעמאָלט,
ווען איך בין געווען גאָר־ניט־ווייסיקייט,
קליינע ראָזע שפּירעוודיקע גופיקייט,
גופיקייט אויסגעזעצט מיט אויגן,
לויטער אויגן,
גרויסע, אָנגעשפּיצטע, שטומע, הערנדיקע אויגן,
בין איך אָפּט געלעגן האַרט צוגעדריקט צו דער ערד

אַרומגענומען
פון דער גראָזיקערווילדקייט ביים ברונען
אין שטילקייט פון טאָל אין מיין דאָרף דעם וואָלינער.

מיין פילאָוויגיקייט
האָט אַריינגעצויגן און באַזעצט אין מיר
שאָטנס פון געדענקען
אין ווייט פון
„פּאַרוים".

ווי ווייט איז
פון יענער שטילקייט ביים ברונען ביז
דער שטילקייט פון אַלטן בית־עולם אין צפת?
ביז דער שטילקייט
פון יונגן בית־עולם הר־הערצלם?
ווי ווייט איז?

אַלע שטילקייטן קאָרמענען,
קאָרמענען מיט הונגער, מיט בענקען
דאָס נאָך אַלץ גאָר־ניט־וויסיקע,
פילאָוויגיקע גופיקייט
צו אַ געדענקען
וואָס ליגט ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט אין
„וועטזיין".

*

א. לעיעלעס

# שאַפער און קריטיק

צו דער דיסקוסיע
וועגן קריטיק

1

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אין דעם נומער זעקס פון דער „סביבה" אָפּ־געדרוקט דריי זייטלעך וועגן די „כפל־כפלים" אויפגאַבעס פון דער אידישער קריטיק. דאָס איז באמת אַ מייסטערווערק פון צימצום. זי האָט דאָרט אַרויס־געזאָגט אַ סך געדאַנקען. דערביי דאַרף מען נאָך צוזעצן, אַז אַ גוטע העלפט פון אירע געדאַנקען פאַרנעמט זיך מיט זאַכן, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט ליטעראַטור, נאָר געהערן לויט מיין איינזען צו גאַנץ אַנדערע ספערן: בריאת העולם, אַ מלמדס קניפּ אין בעקל, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס אהבת ישראל, וכדומה.

נענטער קומט זי צום אייגנטלעכן ענין, ווען זי זאָגט, אַז די אידישע קרי־טיק דאַרף ביים באַטראַכטן אַ אידיש ליטעראַריש ווערק אָנווענדן אַנדערע מאָסן, ווי נישט־אידישע קריטיקערס צו נישט־אידישע ווערק. איך בין ווייט נישט מסכים מיט קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס אויספיר, ווי איך וועל עס פּרואוון דערקלערן אַביסל שפּעטער. אָבער — זי האָט געלייגט דעם פינגער אויף אַן עצמדיקן עלעמענט סיי אין דעם שאַפן פון אַ אידישן וואָרט־קינסטלער, סיי אין דער אויפגאַבע פון דער אידישער קריטיק. אויב איך פאַרשטיי ריכטיק וואָס



די דיכטערין וויל אַרויסברענגען, מיינט זי, אַז אין דעם ווערק פון אַ אידישן שאַפער דאַרף מען זוכן דעם אידישן תוכן, די באַרעכטיקונג פון המשך, פון דעם לאַנגן געשיכטלעכן פאָדעם. אפשר נאָך קירצער — די אידישע אידייע. דאָס שליסט אונז תיכף אָן מיט י. ל. פּרצן און מיר געפינען זיך מער־ווייניקער אויף אַ פעסטן באָדן.

געוויס זיינען וואָרצלען וויכטיק פאַר יעדן שרייבער. אַזוינע טיף־טיפע וואָרצלען, ווי דאָס אידישע פאָלק האָט אַריינגעגראָבן אין דער צייט במשך פון וואָסערע דריי טויזנט יאָר, האָבן און דאַרפן האָבן אַן אָרגאַנישע פאַרבינ־דונג מיט יעדן שרייבערס פּולס, מיט זיינע אינטימסטע וויבראַציעס. קונסט קומט נאָר פון די נעמלעכע וויבראַציעס.

איך שרייב דאָ וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין איר וועלטלעכן אַספּעקט. קיין אַנדערן אַספּעקט אָנערקען איך פשוט נישט. פאַר מיר איז אויך דער תנ״ך גרויס דער עיקר דערפאַר, וואָס אין לעצטן סך־הכל איז ער זייער גרויסע ליטעראַטור. אַלע אַנדערע באַטראַכטונגען — הימלישע אַנט־פּלעקונג, רעליגיע, פרומקייט — ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין פאַר דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און פאַר דער אַרויסלויכטונג פון דער אידישער אידייע, געהערן נישט צו אונזער ענין.

פונדעסטוועגן וועל איך זיך דערלויבן דאָ צו מאַכן אַ פּאַרענטעטישע באַמערקונג. שוין אין דער תלמודישער צייט האָט מען איינגעזען, אַז עס זיינען דאָ פאַרשידענע גראַדאַציעס פון „הייליקייט" אין תנ״ך. די תורה (דער חומש) איז געווען גאָטס אייגן וואָרט און הייליקער ווי די נביאים. די נביאים זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי דעם בן־אָדמס דראַנג צו גאָט און „הייליקער" ווי די כתובים. צווישן די כתובים איז דאָ מגילת אסתר, וואו גאָטס נאָמען ווערט צומאָל נישט דערמאָנט קיין איין מאָל. אין אַרויסברענגען אַזוינע גראַדאַציעס איז שוין פאַראַן קריטיק, אַפילו אומבאַוואוסטזיניקע ליטעראַרישע קריטיק.

וואָס שייך מיר — זוך איך נישט קיין „הייליקייט" (אַ כוללדיק וואָרט פאַר פרומקייט אָדער דת) אין ליטעראַטור. איך ווייס נישט גענוי, וואָס הייליקייט איז און איך האַלט נישט, אַז זי איז אָדער דאַרף זיין אַן אינגרעדיענט, אַ באַשטאַנד־טייל פון ליטעראַטור.

די אידישע אידייע איז דאָ. אָבער זי איז פאַראַן סיי אין אונזערע רעלי־גיעזע שריפטן, די אייגנטלעכע כתבי־קודש, סיי אין דעם, וואָס איך וויל באַגרענעצן מיט דעם באַגריף ליטעראַטור — ס׳הייסט וועלטלעכע ליטעראַטור. דאָ קומט אויף די האַרבע קשיא וועגן דער שייכות פון אַ אידיש קינסטלעריש ווערק צו דער דאָזיקער אידישער אידייע. דאַרף דער שאַפער זי באַוואוסט־זיניק זוכן? דאַרף דער קריטיקער אָנשטעלן אַ שפּאַקטיוו און פסקענען לויט זיין אויסגעפינס, היינו:

„אין אָט־דעם ווערק איז פאַראַן די אידישע אידייע, ממילא — אַ פינף פּלוס. אין דעם און דעם ווערק איז די אידישע אידייע נישטאָ. ממילא איינס מינוס".

איך קען אַזאַ צוגאַנג נישט אַקצעפּטירן.

2

ווען עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער אידישער שאַפער זאָל שרייבן אַזוי, אַז אין דעם שרייבן זאָל זיך פילן דער זאַפט און ריח פון די געשיכט־לעכע וואָרצלען — איז דאָס פאַרשטענדלעך, אַפילו זעלבסטפאַרשטנדלעך. ווי אויך: אַזאַ צוגאַנג פאָדערט נישט בלויז די אידישע קריטיק — לויט קאַדיע

מאַלאַדאָווסקיס כפל־כפלים פאָדערונגען. דער פראַנצויזישער פּאָעט און קריטיקער פּאָל וואַלערי האָט פאַרלאַנגט נישט אַנדערש, ווי אַז אין יעדן דיכטערס שרייבן זאָל מען פילן די דערפאַרונג פון אַלע פריערדיקע דורות, ווי אויך אַלע אידייען, וואָס פריערדיקע מוחות האָבן פון זיך אַרויסגעבליצט. צום באַדויערן איז פּאָל וואַלערי דווקא געווען אַן אַנטיסעמיט און אַנדרע זשיד האָט עס אים שאַרף פאָרגעוואָרפן. אָבער דער עצם געדאַנק איז ריכטיק. ער שליסט זיך אָן, ווי אומאָנגענעם דאָס זאָל אונז נישט זיין צוליב זיין שנאת ישראל, אין דעם, וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי שטעלט פאַר דער הויפּט־אויפגאַבע פון דער אידישער קריטיק.

געוויס, מיר נעמען אָן, אַז די אידישע אידייע איז עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס אַ פּאָל וואַלערי האָט געזוכט ביי דער טיר פון יעדן דיכטער און אין די ווינקעלעך פון זיין שרייב־צימער. זאָל מיך גאָט אויסהיטן פון פּרואוון געבן פאָרמולירונגען און דעפיניציעס. נאָר אין אַלגעמיינע, ברייטע שטריכן קען מען זאָגן: די אידישע אידייע פאַרמאָגט אין זיך די העכסטע מאָראַל; יענע עטישע פּרינציפּן, וואָס באַוואָרענען דאָס מענטשלעכע לעבן; טיפסטע הומאַנישקייט; ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט צווישן מענטש און מענטש און שלום צווישן פעלקער; סאָציאַלע גערעכטיקייט און איינזעעניש פאַר דעם געפאַלענעם, געדריקטן, פאַר דעם אָרעמאַן, דעם יתום און אלמנה. דערצו מוז נאָך, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן ווערן דעם יחידס דראַנג צום אידענטיפיצירן זיין פּערזענלעכע עקזיסטענץ מיט דער וועלט, צו באַהעפטן זיין יחידישקייט מיט דער האַרמאָניע פון דעם אוניווערז.

דאָס דאַרף אפשר זיין אין דעם ווערק. נאָר דער שרייבער קען זיך עס נישט שטעלן פאַר אַ ציל, מאַכן דאָס אַלץ פאַר אַ מין באַשטעלונג צו זיך אַליין. אויך דאַרף דער קריטיקער זיך נישט לאָזן אין קיין שום עקספּעדיציע עס אַרויסצופישן. דאָס דאַרף אַרויספליסן ספּאָנטאַן פון דעם שרייבערס פ ע ר ־ ז ע נ ל ע כ ק י י ט, וואָס איז בכלל דער סאַמע וויכטיקסטער, דער קאַרדינאַלער עלעמענט אין איטלעכן קינסטלערישן שאַפן. דעם קריטיקערס אויפגאַבע, ווידער, איז אי צו העלפן דעם לייענער עס צו דערזען בולטער, אי צו העלפן דעם שרייבער זיך גופא צו דערקענען — אויף וויפיל אין דעם שרייבערס שאַפן זיינען דאָ בפירושע איראַציאָנאַלע עלעמענטן און מאָמענטן. אָן אַזאַ איראַציאָנאַלקייט איז קיין דיכטונג בכלל נישט בנמצא. זי, די איראַציאָנאַלקייט — אפשר שטעקט זי טאַקע אין די וואָרצלען פון היסטאָרישע עמקותן, דורותדיקע טיפענישן, אָדער אין די הויכן וואו עס טראָגן זיך אַלערליי גייסטיקע ראַדיאַציעס, רוחניותדיקע אויסשטראַלונגען.

3

דער קריטיקער איז נישט קיין קינסטלער — דאָס איז ביי מיר אַ לאַנגאָניקע איבערצייגונג. מען קען ביי מיר לייכטער פּועלן, אַז קריטיק איז ה ע כ ע ר פון קונסט, איידער אַז קריטיק איז בבחינת קונסט. צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס. דאָס שרייבן וועגן אַ ווערק, וואו עס רעדט זיך וועגן לעבן און טויט, מענטש און געזעלשאַפט, אָדער וואו דער דיכטער מאַטערט זיך אַרויסצוברענגען אין אַ באַשטימטער פ אָ ר ם זיין אינעווייניקסטע וועלט, איז נישט דאָס זעלבע — באין אופן נישט! — ווי דאָס קינסטלערישע שרייבן גופא וועגן אָט־די זאַכן. איך האָב דאָס וואָרט פאָרם אונטערגעשטראָכן. עס איז נישט מעגלעך קיין דיכטעריש ווערק אָן דער אַדעקוואַטער פאָרם פאַר דעם ווערק. קיינער ווייס נישט גענוי, קיין דיכטער קען נישט מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט זאָגן, וואָס



עס קומט צו אים פריער — די פאָרם אָדער דער אינהאַלט. אויב דער דיכטער מאַטערט זיך; אויב ער קען נישט אַוועקזעצן זיך שרייבן ביז ער האָט זיך דערמאַטערט אין פאָרויס צו דער פאָרם פון דעם, וואָס ער קלייבט זיך זאָגן (זינגען — לויט דעם טראַדיציאָנעלן צוגאַנג)„ קומט גאָרנישט אַרויס. גיכער פון אַלץ קומען פאָרם און אינהאַלט גלייכצייטיק, איינצייטיק.

דער קריטיקער האָט אַנדערע פּראָבלעמען פאַר זיך, נישט אין קיין שום פּרט יענע, וואָס קענען פאַרגליכן ווערן צו די פאָרם־פּראָבלעמען פון דעם דיכטער. אַוודאי דאַרף דער קריטיקער טראַכטן וועגן דעם ווי־אַזוי פון דעם, וואָס ער וויל זאָגן. עס איז דאָ עלעגאַנטע קריטיק און שלאַבערדיקע; שיין־געשריבענע און שלעכט־געשריבענע. נאָר עס איז דורכאויס נישט דאָס זעלבע, וואָס קינסטלערישע פאָרם־זוכענישן און ראַנגלונגען.

פאַרשטייט מען דאָס אַלץ גענוי און גרינטלעך, דעמאָלט מוז מען אויך קומען צום אויספיר, אַז עס זיינען נישטאָ קיין באַזונדערע מאָסן פאַר דעם אידישן קריטיקער צו באַטראַכטן אַ ווערק. אויב די וועלט האָט אין אַלגעמיינע גרונט־שטריכן פאַרשטאַנען און באַנומען דעם תנ״ך — און לויט אַ סך אַרויסזאָגונגען און באַווייזן איז דאָס אַזוי — איז באמת נישטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס אַ נישט־איד זאָל נישט קענען געהעריק משיג זיין אַ אידיש ליטעראַריש ווערק, ליד, נאָוועלע, דראַמע. מיר האָבן נישט אַזוי לאַנג צוריק געהערט, ווי דער אַמעריקאַנער דיכטער און קריטיקער מאַרק וואַן־דאָרען האָט אויסגעצייכנט באַנומען דעם תוך פון שלום־עליכמס טעוויע און י. ל. פּרצעס באָנטשע שוויג. אין אונזער צייט האָט אויך אַ פּויפּס, פּיוס דער עלפטער, דערקלערט אַז גייסטיק זיינען אַלע קריסטן סעמיטן. דאָס איז געווען זיין רעליגיעזער אופן פון פּראָטעסט קעגן אַנטיסעמיטיזם.

מיר דאַרפן אויך נישט מגזם זיין וועגן זיך אַליין. מיר פאַרשטייען גאַנץ פיין און גרינטלעך אַלע וויכטיקע ווערק פון דער גויאישער ליטעראַטור — ביז דער סאַמע נישט־אידישער, דער סאַמע העלענישער „איליאַדע״.

און פאַרוואָס?

ווייל דער קווינטעסענץ פון קינסטלערישער ליטעראַטור איז איר אוניווערסאַלע מענטשלעכקייט. דערפאַר קען אונזער תנ״ך רעדן צו אַלע מענטשן פון אַלע צייטן מיט אַלע צונגען און מיט אַלע אויפטרייסלונגען פון דער נשמה. דערפאַר פילן מיר מיט די ליידן פון העקטאָר׳ן, אַנדראָמאַכע׳ן, פּריאַמ׳ן און מיר באַטייליקן זיך אין די ברענענישן פון פּראָספּעראָ׳ן, די אַקעגנשטעלונגען פון אַריאל און קאַליבאַן — אין שעקספּירס „שטורעם״.

די איינהייט פון דער מענטשהייט איז אַן אַקסיאָמע, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון אַלע גרויסע רעליגיעס. די וויסנשאַפט, וואָס מאַכט היינט מעגלעך, אַז מיר זאָלן קענען אָרביטירן די ערד אין קינסטלעכע סאַטעליטן און דערנענטערט די צייט, ווען מע וועט קענען דערלאַנגען צו דער לבנה און צו די פּלאַנעטן פון דער זון־סיסטעם, שטרייכט דאָס אונטער איטלעך מאָל, ווען מיר קענען נאָר אַ קוק טאָן מיט דעם בליק פון גייסט און דמיון אויף דער ערד, ווי אויף אַ קליין פּינטל אין דעם אומענדלעכן קאָסמאָס. די דאָזיקע איבערצייגונג — טאַקע איבערצייגונג, נישט בלויז געדאַנק — פּילט אויך אָן די הויפּט־מחשבה פון דעם תנ״ך. די גרויס־גייסטיקע נביאים, אָנהויבנדיק פון עמוסן, האָבן די דאָזיקע איבערצייגונג אויסגעדריקט אין וואונדערלעכע אָראַקלען וועגן דער איינהייט פון דער גאָטהייט. דאָס איז דער טיפער זין פון אונזער אחד.

דעריבער קען נישט זיין קיין רייד וועגן אַזאַ באַזונדערקייט און צע־

שיידטקייט צווישן פאַרשידענע מענטשן־שטאַמען, אַז איין פאָלק זאָל נישט קענען פאַרשטיין אַ צווייטס. אַלע פעלקער קענען פאַרשטיין אַלע פעלקער. עס ווענדט זיך אין דער מדרגה פון גייסטיקער אַנטוויקלונג. דערפאַר איז די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור — דאָס הייסט דער סכום פון אַ פאָלקס מחשבה און געמיט — פון יעדער אומה צוטריטלעך צו יעדער אַנדערער אומה. דערפון נעמט זיך די גרויסע ענלעכקייט פון דעם פאָלקלאָר ביי אַלע מענטשן־ראַסן, אין אַלע שפּראַכן. נישטאָ קיין באַזונדערע מאָסן, און עס קענען נישט זיין, פאַר דער אידישער וועלטלעכער ליטעראַטור, ווי די מאָסן, וואָס זיינען גילטיק פאַר יעדער אַנדערער ליטעראַטור.

אויך דאָס דאַרף מען געדענקען: יעדע קולטור פון אַ הויך־אַנטוויקלט פאָלק איז אין איר עצם אַ סינטעז. דאָס אייגנס דערלאַנגט צו נייע הויכן, ווען עס קומט אין באַריר מיט אַנדערע קולטורן און נעמט פון זיי איבער וויכטיקע ווערטן. דאָס אידישע פאָלק האָט פון דעם סאַמע אָנהויב פון זיין עקזיסטענץ אַ סך איבערגענומען ביי אַנדערע פעלקער. מיר האָבן געליען ביי די עגיפּטער, ביי די בבלים, ביי די אשורים, ביי די גריכן, ביי די רוימער און שפּעטער ביי אַלע אייראָפּעאישע פעלקער. ויש אומרים, אַז מיר האָבן אויך איבער־גענומען די היסטאָרישע שפּראַך אונזערע — טאַקע העברעאיש — ביי אַנדערע, ביי די כנענים, די געבירטיקע פון דעם לאַנד, וואָס אונזערע אָבות האָבן באַזיגט מיט פייל און בויגן.

אָבער — נישט סתם איבערגענומען, נאָר אַריינגענומען, פאַראייגנט, איבערגעקאָכט אין דעם טיגל פון דער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט און אַרויסגעפלאַמט עפּעס, וואָס איז נישט געווען ענלעך מער צו די קאָמפּאָנענטן, נאָר געפינקלט מיט העכערער אַנדערשקייט און פרישער אָריגינאַליטעט. אַזוי האָט אונזער פאָלק אויך געטאָן מיט דער צווייטער נאַציאָנאַלער שפּראַך. זי גענומען פון וואו עס האָט זיך געלאָזט: אויף דעם פונדאַמענט פון עברית־ארמית צוגעשטעלט עטאַזשן פון ראָמאַניש, גערמאַניש, סלאַוויש און עס אַזוי פאַראייגנט, אַזוי עס אַסימילירט אין דעם אייגענעם נשמה־קעסל, אַז דאָס פאָלק אַליין האָט דערין דערפילט זיך אַליין און עס אָנגערופן אָן קווענקלעניש און אויבערשפּיצלעך — אידיש.

4

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי רעדט אין איר אַרטיקל וועגן דעם תהום צווישן קריטיק און פּרסום־מאַכעריי, פּובליסיטי. איך מיין, אַז יעדער עכטער שרייבער ווייס, ווי און וואו צו שטעלן אַ מחיצה און קען גאָרנישט פאַרבלאָנדזשען. דער ערלעכער קריטיקער ווייס אויך אויסגעצייכנט דעם קאַרדינאַלן אונטערשיד. סיידן עס גייט אים גאָרנישט אָן אין דער ליטעראַטור, אַחוץ זיך אַליין איינצו־קויפן פּאָפּולאַריטעט די ווערט אַ חלבן ליכטל און די דויער — אַ טאָג מיט אַ נאַכט, וועט דער מינדסטער קריטיקער נישט אַראָפּלאָזן זיך אויף די אומ־ווערדיקע קעלער־טרעפּלעך פון פּובליסיטי.

וואָס שייך דעם לייענער — ווענדט זיך דאָס אין דעם גראַד פון זיין אינטעליגענץ, פון זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג, פון זיין געשמאַק.

יעקב גלאַטשטיין שרייבט אין דעם זעלבן נומער „סביבה" וועגן דעם גאַנצן ענין און ער שטעלט זיך היפש אָפּ אויף דער אידעלער מאַטעריע געשמאַק. ער זאָגט זייער ריכטיק: „וואָס איז אַזוינס גוטער געשמאַק, איז אַ סך שווערער צו דעפינירן".

איך נעם זיך אַפילו נישט אונטער אויסצוטאָקן אַ בלישטשנדיקע אָדער



נישט־בלישטשנדיקע דעפיניציע. איך קען בלויז באַטאָנען, אַז וואָס דאָס זאָל נישט זיין און ווי־אַזוי מען זאָל עס נישט קריגן, אויב מען ווערט דערמיט נישט געבוירן — איינס איז מחוץ יעדן צווייפל. די קריטעריע פאַרן אָפּשאַץ פון דער אידישער ליטעראַטור — ווי ליטעראַטור, ווי קונסט — איז די זעלבע, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן צו יעדער ליטעראַטור. אַלץ אַנדערע איז טעאָ־לאָגיע, נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּסיכאָלאָגיע אָדער גאָר מיטאָלאָגיע.

ווי איך האָב געשריבן ביי נישט ווינציק אַנדערע געלעגנהייטן, פאָרם איז אומגעהויער וויכטיק און מאָסגיביק פאַר ליטעראַטור. אָבער אין לעצטן סך־הכל ווערט יעדע פאָרם רעדוצירט צום ענין אינהאַלט. נאָר ביידע — סיי פאָרם, סיי אינהאַלט — ווערן אין לעצטן סך־הכל צוגעשפּיצט צו דער פּער־זענלעכקייט פון דעם שאַפער. ביי דעם אידישן שאַפער — אויב נאָר ער איז אַ פּערזענלעכקייט — וועט זיך ממילא אָפּשפּיגלען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און די אידישע געשיכטע, אַריינגערעכנט, ווי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי באַשטייט, די פאַרלוירענע צען שבטים.

*

יוסף רובינשטיין

# די לעצטע נאַכט

(פון דער פּאָעמע „פּוילן 1947")

אָ, באַנען, באַנען איילנדיקע, יאָגנדיקע באַנען!
ביז וואַנען, זאָגט, איז מיר באַשערט צו הערן אייער ברום?
אָ, באַנען, באַנען איילנדיקע, טראָגט מיך שנעל פון דאַנען!
ווי אומהיימלעך, ווי שרעקעוודיק איז איצטער אַלץ אַרום.

ס'איז נאַכט, מיין לעצטע נאַכט דאָ אויף דיין ערד, מדינת פּוילן!
און מאָרגן וועל איך הערן שוין דעם רויש פון ים ביים ברעג.
נאָר איצטער אין דער נאַכט, אַליין, אין פינצטערניש פאַרהוילן,
איך הער נאָך אַלץ דעם וויטן רויש פון אַלע מיינע טעג.

איך הער דעם רויש, איך הער דעם אָטעם פון דיין ערד דער גרויער,
דיין ערד וואו איך האָב זיך אַמאָל געשפּילט נאָך ווי אַ קינד
און אַלץ דערנאָך אַריינגעזאַפּט אין זיך: דיין פרייד, דיין טרויער,
דיין ווינטער דעם צעפּראָסטיקטן, דיין זומער רייף־צעגרינט.

בין איך נישט ווי אַ קינד אַמאָל נאָך אויף דיין ערד געלעגן,
דיין ערד, איר טעם דעם ביטערן געהאַלטן אין מיין מויל,
דיין זון אין זיך אַריינגעהעלט, אַריינגעזאַפּט דיין רעגן,
דעם גאָלד פון דיינע האַרבסטן און דיין יעשען ווינטיק־הויל.

קען איך דיין ערד פאַרגעסן? אַז די שיין פון דיינע שטערן
האָט מיך אַמאָל געפאַנגען אין דעם זילבער־נעץ פון ליד.

איצט קען איך נאָר דעם פלאַטער פון דעם ווינט דיינעם דערהערן,
אַ ווינט, וואָס טראָגט אין נאַכט אַרום די קרעכצן פון אַ איד.

אָ, פוילן! אויף דעם וועג דיינעם, אָט דעם געשיכטלעך־אַלטן,
וואו ס'האָט דער גורל דיך געפירט נישט איין מאָל און פאַרפירט,
ליגט איצט אין נאַכט אַ איד פאַר בליקן גויישע באַהאַלטן
און דורך זיין גרויל דער אייגענער, ער פילט דיין וויי, און שפירט:

פון מערב לויערט דער טעווטאָן, פון מזרח די סאָוועטן,
פאַרקלעמט צווישן זיי קען איך דיין ווייי דען נישט פאַרשטיין?
נאָר ווי־זשע קען מיין האַרץ פאַר דיר מתפלל זיין איצט, בעטן,
ווען ס'ציטערט נאָך די נאַכט אַרום מיט אידישן געוויין!

אַז ס'ליגט מיין מאַמע ערגעץ־וואו דאָ אויף דיין ערד, פאַרשניטן,
אַז אַלע שטעטלעך שטייען איצט אָן אידן, ליידיק, וויסט.
אָ, גאָט! ווער וועט מיין טאַטנס קבר אין דעם שטעטל היטן,
אַ פויער וועט פאַראַקערן, פאַרשיטן אים מיט מיסט.

און גאָרנישט מער, ווי קיינמאָל נישט! ס'וועט אַלץ דאָרט שווייגן,
שטומען.
דער ווינט וועט נאָר אַרומטראָגן די אַשן פון דעם בראַנד...
איך ליג אין צוג און הער די רעדער קלאַפן אָפּ — זיי ברומען,
זיי יאָגן זיך, זיי טראָגן זיך צום ים, צום לעצטן ראַנד.

*

רחל פישמאַן

# אַ ליד

.·.

מאַמע,
איך קען ניט איינשלאָפן.
נעם דעק מיך גוט איין
מיטן וואָרט „היים".
איך קען, מאַמע, ניט איינשלאָפן.

טאַטע,
מיט פאַסיקער ערנסטקייט
האָסטו פאַר מיינע קינדעריש־
שטומפיקע פינגער
אַנטדעקט וויאַזוי

די שיך־בענדלעך פאַרבינדן.
ניט צו דערקענען איצטער מיינע פיס.
איך יאָג זיך נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג.

טאַטעניו־מאַמעניו —
דעם זומער
האָבן אין די היצן
אַלע מיינע זיכערקייטן געציטערט.
וועמען האָב איך געזאָלט דערציילן
אויב ניט אייך?
אַלעמען וואָלט איך דערציילט —
נאָר ניט אייך.

(פון „זון איבער אַלץ")



בעריש ווײַנשטיין

# וועגן ליד

פאָעזיע איז איינגעדעקט אין אַזויפיל מיסטיק, אַז ס'איז שווער צוצוקומען דערצו. אַ ליד האָט דאָך אָן אַ שיעור אָנהויבס. יעדע שורה, יעדער וואָרט — אַ נייע איבערלעבונג, אַפילו אַ נייעם האַרץ־קלאַפּ. דאָס ליד ווערט אויסגעשלאָגן נאָכן לעבעדיקן פולס פון פאָעט. אויסערלעך זעט עס אויס דווקא זייער איינפאַך; פרואווט עס אָבער אַרויפלייגן אויף דער רעלאַטיווער וואָגשאָל, וועט איר זען ווי דאָס ליד וועט געבן אַ שווער אַראָפּ. וואָרים פונקט ווי אינעם ים־טראָפּן ליגט דער טעם פון גאַנצן ים, אַזוי ליגט אינעם איינצלנעם ליד דאָס לייב און לעבן פון גאַנצן פאָעט.

מיר האָבן דאָ און דאָרט געלייענט וועגן „אומפאַרשטענדלעכע פאָעזיע" און ס'איז אונז אויף קיין האָר נישט קלאָרער געוואָרן וואָס אַזוינס דאָס מיינט. מיר ווייסן נאָר, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אומפאַרשטענדלעכע פאָעזיע; אויב נאָר אמתע, איז עס גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר פאַרשטענדלעך. אַוודאי רעדט זיך דאָ נישט פון לידער, וואָס קלינגען אין דער שפּראַך פון אַ ווערטער־בוך. עס רעדט זיך פון פאָעזיע וועלכע איז אַ טייל פון דער ערד, וואָס זיין שאַפער זעט און פילט אַרום זיך; איז אַ טייל פון קלאַנג און לשון, וואָס דעם פאָעטס אויער נעמט אויף. עכט געפיל, וויזיע און שטימונג לייגט פאַר זיך אַליין אויס אַ פאַרשטענדלעך ליד — ס'אומפאַרשטענדלעכע ווערט קלאָר.

אַ קינסטלער קען נישט נאַרן. טאָמער טוט ער עס, זעען זיך באַלד אָן די געמאַכטע שטעך. ער וועט גיכער פאַרשטילט בלייבן איידער אָפּנאַרן זיין געמעל, זיין קאָמפּאָזיציע, זיין ליד. ער גייט בעסער אַוועק אויפן וועג פון רו און שווייגעניש — נישט געשטרויכלט צו ווערן. ס'איז אים מער ניחא קאָנטראָלירט צו ווערן פון דער עמאָציע, איידער פאַרקערט. אין דעם פּרט איז ער ענלעך צו דער נאַטור, וואָס ווערט באַהערשט פון דער זון. דערפאַר איז דאָס גלייכסטע זיך צו אַקלימאַטיזירן מיט דער קלוגער ערד, וואָס האָט אַ צייט פון שווייגן, אַ צייט פון בליען.

וואַן־גאָג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין די פלאַנצן פונקט דעמאָלט, ווען דאָס ליכט פון דער זון האָט פאַרבלענדט דאָס גאַנצע פעלד. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן דעם מינדסטן רעפלעקטירנדיקן אָפּשיין פון דער נאַטור — דאָס געלס, דאָס רויטס, דאָס גרינס; דאָס גאַנצע אויפגעשיינטע פייער איבער די צעוואָרפענע געוויקסן — פון אויפגאַנג, אונטערגאַנג ביז נאָך דער טונקלונג פון טאָג — און עס אַרויפברענגען אויפן לייוונט.

דאָס איז די פאָעזיע פון פאַרביקן אמת; איין האָר אַריבער און ס'ווערט אַ ליגן. פאָעזיע איז דאָ אין אַלע באַשאַפענע זאַכן, די פאָרם דערפון איז דער קינסטלער גופא. ער דאַרף זיין געטריי צו דעם געשאַנק; ר'טאָר גאָרנישט פאַרהוילן פאַרן ליד. ער מוז געבן זיין וואַכזאַמקייט, זיין געפילס־אויסדרוק צו אַלע דערשיינונגען וואָס זיין אויג נעמט אַריין. נאַטירלעך דאַרף דער קינסטלער אויך זיין באַשאָנקען מיט דעם חוש פאַר די קעגנשטאַנדן, וואָס לאָזן זיך יאָ אָדער נישט — און ווי אַזוי — זיי צו נוצן פאַר דער פאַנטאַזיע. וואָר, די אינטואיציע וואָס וועקט אין דער שאַפערישער רגע ביים פאָעט די חושים פון דער עמאָציע, ברענגט במילא אַרויס די פאָעזיע וואָס לעבט צווישן הימל און ערד, אין ליד־פאָרם.

טעכניק — דאָ הויבן זיך אָן די געפאַרן. דער ערשטער אָנרעג, דער ערשטער אימפּולס פון ליד קומט בלינד. איין בליץ און דו ווערסט פאַרפאָלגט ביז דו גיסט נישט אויס דעם געפיל אין אויסדרוק. ס׳ווערט באַלד אַזוי פאָרמדיק, אַז ס׳איז דיר אַ שאָד דערפון צו מאַכן טעכניק: גראַמען, פּינקטלעכע סאָנעטן־שורות און דאָס גלייכן. אַז מ׳גייט אַוועק פון דער ערשטער סטיכיע ווערט אויפן וועג דערווייל אויסגעוועפּט די שטימונג און ס׳באַקומט זיך אַן אָפּגעקילט ליד.

מיר מיינען דאָ נישט צו פאַרמינערן דאָס געגראַמטע אויב ס׳איז נאָר עכט, אויב ס׳איז נאָר לכתחילה אַזוי דיקטירט געוואָרן; ווען נישט, איז עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען. קען זיין, אַז מיר זיינען נישט גערעכט. אָבער ווען מען דערציילט, אַז אַ גראַם קען ביים פּאָעט אַרויסרופן דאָס ליד — און אויפן סמך דערפון שרייבט ער טאַקע דאָס ליד — נעמען מיר נישט אָן דעם סאָרט טעזיס. ס׳ליד קען נישט אַרויסגערופן ווערן פון מוח. דער שכל פונקציאָנירט ווי ס׳האַרץ דיקטירט.

דאָס נאַטירלעכסטע איז צו לאָזן דאָס ליד אויספאָרמען פון זיך אַליין. אויב אַ נויטיקער אויסדרוק ווערט צופעליק אַ גראַם, ווען ער קלינגט אַפילו אַלט־מאָדיש, טאָר דער פּאָעט דערפון נישט וויכן, נאָר דעם באַטרעפנדיקן גראַם לאָזן ווי ר׳שטייט און גייט. ר׳טוט דערביי צוויי ערלעכע זאַכן: נישט ער איבערפירט זיך, נישט דאָס ליד.

מיר גיבן־צו, אַז טעכניק אַרום אַ ליד שאַפט מיט זיך אַ געוויסן פּאָעטישן חן. מיר גיבן אויך צו, אַז שפּראַכלעך שפּינט מען פון זיך אַמאָל אַרויס אַ ניי וואָרט — אין אַ געלונגען ליד קלינגט אַן אַלט וואָרט אויך ניי — צי אַ געמאָסטענעם פערז, אַ געראָטענעם ריטם. מיר ווילן אָבער נישט פאַרפירט ווערן פון באַוואוסטזיניקן מעכאַניזם. דאָס איז חל נישט נאָר אויף אויס־מייסטערן דעם פערז, נאָר אויך אויף דער טעמאַטיק, וואָס דער דיכטער קלויבט אַמאָל צו. ס׳הייסט, פריער פאַרטראַכט ער דעם מאָטיוו און דערנאָך באַקליידט ער אים מיט אַ פערזן־געבוי.

יאָ, פאַראַן אַזאַ טענדענץ. מ׳גיט אינעם ליד אַריין אַלץ וואָס זאָל נושא־חן זיין ביי דער צייט — שנעל ווי ס׳קומט פון איין צייט, ווערט עס פאַרגעסן פון דער אַנדערער צייט. לייענסט, דאַכט זיך, אויסגעהאַלטענע לידער ביז צום מילימעטער, אַפילו וואָס די חז״ל זאָגן, נאָר די פּאָעזיע פעלט. פאַרוואָס?

ווייל דאָס זיינען בלויז דורכגעזייעטע ווערטער; אויסגעהוילט פונעם זעמל־מעל. ס׳איז פאַרלוירן געגאַנגען דער טעם פון טוי, פון רעגן, וואָס דער פּאָעט איז פּונקט אַ טייל דערפון ווי ר׳איז פון זיך גופא.

מיר ווייסן נאָר, אַז אין פּראָצעס ביים פאַרפאַסן דאָס ליד, שאַפט זיך נישט אַזוי גרינג, ווי שטאַרק דער אָנרעג זאָל נישט זיין. אַ ליד שרייבן פאַרציט זיך אַמאָל אויף מינוטן, אויף שעהן, טעג און אַפילו אויף וואָכן. אינצווישן שלאָפט זיך נישט אין די נעכט און ווייל אַזוי, פילסטו, אַז ס׳דאָזיקע ליד איז באַרעכטיקט צו דיינע אָנגענעמע מאַטערנישן און דו פאַרראַטסט נישט אַזאַ ליד.

דעמאָלט, ווען דאָס ליד גיט דעם דיכטער אַזאַ ליכטיקן שאַפונגס־פּראָצעס, איז דאָס ליד זיכער ראוי אַז דער פּאָעט זאָל עס אַריינגעמען אין זיין פּאָעטישן רייסטער, ווייל עס קומט פון אמתן דיכטערישן מהות, און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים וועגן ליד.



קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# פרייטיק אויף דער נאַכט

(פון דער פּאָעמע „דער שטיינהעקער פון ראשון״)

גענוען איז פרייטיק אויף דער נאַכט.
אין מדבר האָבן יום־כּפּורדיק געיאָמערט די שאַקאַלן.
נתן האָט צו ברוכלען גערעדט,
ווי אַלע שטערן פון הימל וואָלטן פאַלן:

דו ביסט אַ בעל חלומות, און איך בין דיר מקנא.
מלאכים ברענגען דיר גילגולים,
איבער דיין דמיון ביסטו דער האַר.
זיי פלאַנצן פאַר דיר וויינגערטנער,
און דו פאַרזוכסט דעם טעם דעם פולן,
און דו זאָגסט אַ לויב דערפאַר.

און איך — מיין בליק איז ניכטער.
איך זע דאָס ליכט,
און כ׳זע ווי ס׳לעשן זיך די ליכטער.
איך זע דעם חלום,
און איך זע ווי ס׳גליווערט אַלץ
און פון מיין חלום ווערט אַ שטיין פון זאַלץ.

איך זע די צדיקים פון אָדעס —
די חובבים.
זיי דרשנען פון עם ישראל און פון נס —
די חובבים.
ווי זאָגט דאָרטן דער נביא:
„וואָס קומט איר טרעטן מיינע הויפן?״
געמיינט האָט ער: מיך די קאָמאַרעס עסן,
און מיין קדחת גייען זיי פאַרקויפן.

ס׳איז דאָ אַ שמד אַזאַ, אָן טויף־וואַסער,
אָן צלמים.
מען שמדט גאָטס וואָרט.
מען זאָגט דערביי נאָך אמן.

פאַרשעם מיך ניט און קער ניט אָפּ דיין פּנים,
איך ווייס, די רייד מיינע, זיי זיינען גראָב.
די ביילן אויף די הענט — מיינע געטרייע פאָנען,
דער שטויב פון שטיין — מיין גוטס און גאָב.

פאַרשעם מיך ניט און קער ניט אָפּ דיין פּנים,
ס׳איז אונטער בלויעם וואַסער דאָ אַ שוואַרצער גרונט,
און לעם תמימותדיקער סטאַדע זיצט דער בייזער הונט.
פון שוואַרצן גרונט שטראָמט אויף דאָס זיסע וואַסער,

און דער בייזער הונט די תמימותדיקע סטאַדע היט.
נעם זיך אין זינען: אין וואָלקנס טונקעלע
פון בליץ דער פייער גליט.

איך האָב אַנומעלטן אין פעלד אַ דאָרן אָנגעצונדן.
דאָס פייער האָט אַ פלאַם געטאָן און זיך צעזונגען.
איך האָב דעם סנה דערזען אין זיינע פייערדיקע וואונדן
און האָב דעם רויך אַ צי געטאָן אין מיינע לונגען.

גיי זוך די געטלעכקייט אין פלאַם.
גיי זוך דיין חלום אין דעם פייערדיקן ברויען.
כ׳בין לאַנג געשטאַנען דאָרט,
ווי ס׳וואָלט מיך צוגעהאַלטן אַ שגעון.

דער דאָרן ט׳אויסגעברענט. האָט אויסגעברענט ביז ענדע.
דאָס אָרט געבליבן אַשיק, ליידיק.
עס האָט מיין האַרץ געוויינט.
די מעשה פון דעם סנה איז אַ לעגענדע.
דער דאָרן ט׳אויסגעברענט. ער ברענט ניט אייביק.

וואָס איז דער חלום דען,
אויב ניט דער יאוש אַ פאַרשטעלטער?
האָסט אויסגעטראַכט דיין ווייַן.
דו טראָגסט דיין אויסגעטראַכטן וויין אין קעלטער.
דיין וויין וועט ברויזן, שוימען —
דיין טרייסט איז פריידיק.
וואָס קען איך טאָן? איך קען מיין בליק ניט צוימען,
איך זע די לאָגלען דיינע זיינען ליידיק.

כ׳בין ניט ווי דו. איך בין אַן אַפּיקורס.
איך קען ניט מיט די פינגער
דעם שטויב פון הימל ווישן.
איך בין ווי דער פוקס
וואָס וואָיעט איבער זיין הפקרות.
איך הער יעדע נאַכט זיין וואָיעניש
אין די מדבריות פון ראשון.

כ׳בין ניט ווי דו. מיר חלומט זיך ניט דער לויתן.
די נעסט די גאָלדענע פון חלום איז צעשאָטן
אויף ימען פלאָגעניש, אויף בערג פאַרדראָסן,
און כ׳קען ניט קוויקן זיך מיט האָניק פון די צען געבאָטן.

כ׳בין אַהער געקומען. כ׳האָב צו גאָט אַ טענה
און מיטן מלאך איך וויל זיך ראַנגלען נאָכאַמאָל,
פאַרוואָס האָט ער די בלויע הימלען פון אוקראַינע
פאַר מיר געמאַכט אַ יאָמער־טאָל?

און דאָ — אַ טראָפּן רו. איך האָק די שטיינער.
איבער מיין קדחת איך בין אַ פולער באַלעבאָס.



איך וויל מיט דיר זיך קריגן — איז ויאמר,
ויאמר — ביזן לעצטן אות.

כ׳בין ניט ווי דו. איך ווייס —
מיר זיינען אין אַ וויסטע.
די שטיינהאַקער מיר זיינען די ראשונים.
און אפשר זיינען מיר קרבנות גאָר אומזיסטע
און אויפן קאָפּ מיר טראָגן אויסגעטראַכטע קרוינען.

עס וועלן קומען אַנדערע. די קרוינען אונזערע צעטרעטן.
מיר וועלן זיין די הינטערשטעליקע —
צו גאָרניט טויגן.
מען וועט פון אונזער מי און חלום שפּעטן —
דער סנה ברענט אויס,
כ׳האָב דאָס געזען מיט מיינע אויגן.

איך טראַכט אַמאָל, ווען ספיקות יאָגן אָן:
וואָס טוען דאָ די בחורים, די שטיינהאַקער אין ראשון?
עס שלאָגט זיי די קדחת צאָן אָן צאָן,
און דעם דאַרן ברויט זיי קענען קוים צעגריזשען.

פאַרטאָג, עס קייכן די שאַקאַלן.
פון ווינט עס ציטערט דער געצעלט.
מחשבות טונקעלע מיין האַרץ באַפאַלן
ביזוואַנען דער פרימאָרגן העלט.

און איך דערהער — אברמל זינגט אַ תפילה.
איך הער זיין וואַסער־בלעכל קלינגט.
ווי ס׳וואָלט דער הימל אויסגעשפּרייט
פאַר אים אַ פריידיקע מגילה,
און ער די ליכטיקייט מיט זיינע פינגער צינדט.

אברמל זינגט. דער טאָג ווערט ליכטיקער און ליכטיקער.
ער ציקלט זיך דעם ניגון און ער האָט הנאה.
ער איז אויף דער נקודה דאָ דער ריכטיקער.
די פליגן בייסן אים און גיבן אים השראה.

אַ תענוג גאָר פאַר אים — ער ווערט צעביסן פון די פליגן.
ער וויקלט זיך אין טלית, ער איז אַן אתה בחרתנו.
ער דאַרף קיין קישן ניט, ער קען אויף שטיינער ליגן
און פון אַ פּסוק שמידט ער אויס אַ בראָנע.

איך קען ניט אויסשטיין אַזויפיל וואונדער.
איך קען ניט אויסטראָגן אַזויפיל נס.
מיין לעבן ברעכט זיך און פאַלט אַרונטער,
און עס שימלט מיין שטיקל קעז.

און אגב זאָלסטו ויסן, ברוך,
עס האָט דער טייוול הונדערט פאָר מלבושים.

ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ מין שלחן ערוך,
וואו יעדער חטא איז אָפּגעפּאַרבט מיט קדושה.

מיין לאהקע וויל אַהער ניט קומען.
זי זאָגט, זי האָט רחמנות אויף דער מאַמע.
וואָס קענסטו ענטפערן אַ טאָכטער אַזאַ פרומע?
כאָטש בוי פאַר איר אַ מקווה אויס פון זיבן ימים.

דאָס זאָג איך דיר, צום ביישפּיל בלויז.
פון קלאָגן זיך עס ווערט ניט גרינגער.
עס וואַקסט דער דאָרן שטענדיק צוזאַמען מיט דער רויז,
איינער טראָגט די רויז, דער צווייטער שטעכט די פינגער.

מיר טוען עפּעס דאָ. איך ווייס ניט וואָס.
מיר שלעפּן זיך נאָך אַלץ פון לאַנד מצרים.
דער עם ישראל — זיי דאַוונען און זיי וויינען
מיט אַ טרערן־גאָס. און דעם האָמענטאַש
אויף ביידע באַקן קייען.

מיר זיינען, ברודער, דאָ פאַרוואָרפענע
אין וויסטעס פון אַמאָל.
אַ רעטעניש פאַר זיך, אַ וואונדערניש פאַר יענעם.
עס רעדט די וויסטע דאָ מיט אונזער ווידערקול,
און ס׳ענטפערט אונז דער פוקס און די היענע.

איך בין אַ צווייפלער.
עס איז דער צווייפל מיין צעבראָכענע אמונה.
און נישט אומזיסט האָט דער רבי מיינער,
אַ איד אַ לויטערער,
מיך יעדן טאָג געשטעלט אין קונע.

אין קונע שטיי איך נאָך ביז היינט.
איך ווייס, די טענות מיינע זיינען שוים און בלאָטע.
איך זע דאָס ליכט וואָס דאָ אין ראשון שיינט,
נאָר ווי איז דעם וואָס טוט און האָט חרטה.

איך בענק נאָך לאהקען, נאָך אירע ברוינע צעפּ,
פון אירע שעמעוודיקע הענט דעם ווייכן רונד.
נאָר כ׳האָב אין ים אַ שטיין אַריינגעוואָרפן,
און כ׳וועל דאָ בלייבן ווי דער שטיין דאָרט אויפן גרונט.

כ׳וועל זאָגן — ניין.
צו בלויקייט פון אוקראַאינער הימל איך וועל זאָגן — ניין.
מיין האַרץ מיין אייגענעם כ׳וועל זאָגן — ניין.
ווייל אַלע מיינע ווייטיקן זיי שרייען — ניין.

איך בין זיך מודה: אברמלען כ׳בין מקנא,
איך ווייס ניט, צי איז ער אַ תמים, צי אַ נאַר.



ער האַקט די שטיינער ווי ער זאָל שפּילן פּיאַנע,
און דעם שטויב פון פּנים גיט ער ניט אַ שאַר.

עס אַרט אים ניט
וואָס זיינע קינדער שלאָפן אין אַ קעלער, אין אַ נאָרע.
כ׳האָב אים געפרעגט, צי איז עס רעכט אַזוי?
האָט ער געענטפערט מיר, אַז מיינע רייד זיינען עבודה זרה
און איך רעד ווי אַ גוי.

די ספיקות, זאָגט ער, זיינען ווי אין פּרוכט אַ וואָרעם,
זיי עסן אויף דעם יש, עס בלייבט די הוילקייט אינדערמיט.
די מצוות, זאָגט ער, טראָגט מען ניט ווי קלעצער אויפן אָרעם,
נאָר ווי ס׳געהער צו זיין, ווי עס דאַרף אַ איד.

נו מילא, אברמל ט׳מיך געשטעלט אין קונע,
ווי מיין אַלטער רבי פלעגט עס טאָן.
זיי ווייסן אפשר ניט, עס קען זיי אויסקומען משונה,
אַז אָט־דער ווינקל איז דער אויבן־אָן.

עס שטייען דאָרט די חדר־אינגלעך די עקשנים,
און ניט די פּאַמפּושקעלעך די באַרוטע.
ס׳האָט איינער שוין געזאָגט פון די אַמאָליקע חכמים:
איך האָב ניט ליב די „אני־מסכימס" און די גוטע.

זאָג, ברוכל, צי ווייסטו ניט אַ מיטל?
עס האָט אַ זשוקל זיך פאַרנאַדיעט אין מיין שעניק.
איך ווייס זיין נאָמען ניט און ניט זיין טיטול,
נאָר ער בייסט מיר אין די פּיאַטעס, דער מאָשעניק.

פון די קאָמאַרעס, מילא, מוז איך ליידן.
זיי זיינען תושבים דאָ, לעגאַלע פרעסער,
נאָר דעם זשוקל, זעסטו, אים וועל איך פאַרטרייבן,
איך וועל אים אָפּשיקן צו דער אגודה דער אָדעסער.

ס׳וועט זיין פאַר זיי אַן ענין פאַר אַ דרשה,
אַ גוטע פרענטל אויף מליצות שטריקן...
פאַרמאַך ניט, ברוכל, די אויגן... ס׳איז נישקשה,
איך וועל צו זיי דעם זשוק ניט שיקן.

*

ס׳האָט לאַנג אין פרייטיק־נאַכט געצויגן זיך דער שמועס.
ס׳האָט איינגעשטילט זיך דער געהויל פון די שאַקאַלן,
זיך אָפּגעגעבן צו דעם מדבר אין פאַרטרוי.
און מלכה שבת האָט מיט בענטשנדיקע שטראַלן
צוגעדעקט דעם וואָכעדיקן גרוי.

ס׳האָט ברוכל מיט ברודערלעכער האַנט
נתנען אַ קלאַפּ געטאָן אין קני:
נאמנות, דו ביסט אַ בחור אַ בריליאַנט

און זאָגן וועט מען: ויהי בימי נתן
דעם יונג פון אוקראַינע, ויהי...

די טענות דיינע זיינען נוסח תפילה,
און תפילה האָט אַ סך נוסחאות.
וואָס מיינסטו איז סך הכל גאָר אַ תפילה?
ס'איז מיטן ליבן גאָט אַ שמועס.
כעס און צאָרן און הכנעה —
זיי וואַקסן אַלע אויף איין שטאַם,
זיי זיינען אַלע קנויטן בלויע
אין דעם גאָט־פאַרטרויטן פלאַם.

איך האָב דיין כעסן זיך געהערט.
עס האָט זיך מיר געדאַכט:
ס'איז אַ קאַפּיטל תהילים.
ס'איז אפשר נאָך שענער,
אַוודאי נאָך האַרבער,
ווייל דער גוף טראָגט די וואונדן,
און ער איז דער שטאַרבער.

און דיין זעאונג פון דעם דאָרן —
איז דאָך דבש.
נאמנות, זאָג איך דיר: ס'איז דבש.
אַוודאי, אַז עס ברענט דער דאָרן
בלייבט דער אַש.
אַ פשוטע זאַך, ס'בלייבט דער אַש.
נאָר וואָס דען? דו ביסט דאָך דאָ אַהער געקומען,
כדי אין דאָרן דעם פאַרטריקנטן, דעם שטומען
דעם סנה דערזען.
פאַרשטייסט דעם טייטש? האָסט אים באַנומען?
אָט טאַקע צוליב דעם ביסטו אַהער געקומען.
ס'איז דאָך אַן עובדה: פון דאָרן ווערט דער סנה.
עס איז אַ שטיקל תורה שבעל פה.
מיר לערנען זי אין שטיין
מיט האַמער־פּרעס.
ס'איז ראשון דאָ —
ס'איז ניט אַדעס.

ס'איז דער טייטש פון ויהי:
ויהי בימי נתן דעם יונג פון אוקראַינע —
ויהי,
האָט אין ראשון דאָ־הי,
אין דאָרן אַנטפּלעקט זיך דער סנה.

ס'איז אַ מעשהלע פאַר קינדער צו דערציילן.
פּונקט ווי בר יוחאי אין די היילן
פון אותיות האָט פלאַמען אויסגעשלאָגן,



מיר דאָ — פון שטיין מיר וועקן אויף אַ טאָג,
וואָס ער וועט טאָגן.

דו צווייפלסט — אַוודאי צווייפלסטו.
ווער איז פריי פון דעם בייז?
נאָר וואָס דען? אָט פּונקט ווי פון האָלץ
ווען עס ברענט און ס'איז הייס
בלייבט דער אַש, —
פון מחשבה — קומט צווייפל —
נאָר אינמיטן דער פלאַם, ויהי אור.
עס האָבן צווייפלען געצווייפלט
ווער ווייס וויפל יאָר —
און ויהי אור.

און נאָך אַ משל — טאַקע וועגן צווייפל:
אָט פּונקט ווי דעם פאַס פונעם וויין
האַלט אַ רייפל —
דאָס רייפל זשאַווערט, אַוודאי זשאַווערט.
נאָר דער וויין אין דעם פאַס איז — לחיים.
פאַרשטייסט דעם טייטש? צי דאַרף איך אים צעקייען?
דאָס רייפל זשאַווערט, נאָר דער וויין איז לחיים.

*

גבריאל פרייל

## אַרום „די פרייד פון אידישן וואָרט"

יעקב גלאַטשטיינס לידער אין „פרייד פון אידישן וואָרט" האָבן, פאַרשטייט זיך, אַ געמיינזאַמקייט מיט זיינע פריערדיקע לידער. זיי זיינען געפורעמט פון די זעלבע עלעמענטן וואָס באַצייכענען שטענדיק זיין פערז: אינטעלעקטועלע שאַרפקייט און פרישע רייכבילדערישקייט, וואַרעמע זינלעכקייט און קילער סקעפּטיציזם. נאָר אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז צו־געקומען צו זיי אַ מין נייע איכות וואָס האָט זיך אפשר געלאָזט מערקן אויך פריער, אָבער איז געבליבן מער־וויניקער איינגעהאַלטן. איך מיין דאָ דעם אַרויסשפּראַץ פון אַ דירעקטער, הייס־אָנגעהויכטער אידישלעכקייט, אַ ניי־געשאַפענע אינטימיטעט צווישן דעם דיכטער און זיין לייענער וואָס באַשטייט אויף אידישן אינהאַלט און צוגאַנג.

די סיבה פון אָט־דעם צוגאָב איז ניט צו־שווער צו געפינען: די קאַטאַ־סטראָפע וואָס איז באַפאַלן אונזער פאָלק האָט אויפגעוועקט אין גלאַטשטיינען אַלע קוואַלן פון דינער צאַרטקייט און צאָרנדיקער סאַטירישקייט. זיין מיטלייד איז רירנד ביז טרערן, זיין צער נאַקעט, — אָבער איר האָט דאָ ניט די פאַר־כלינערישקייט פון איינעם וואָס פאַראַדירט אַלס פּראָפעסיאָנעלער בעל־בכי; ער איז ניט קיין געוויין־מייסטער וואָס שטאָלצירט מיט זיין רחמנות־פּנים.

ענלעכס קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן גלאַטשטיינס פריידן: דאָס הייסט, ניטאָ קיין שמץ פון צוגעטראַכטן אָנשטעל, כאָטש עס שלענגלט זיך דורך אַ

קריטישער פאָדעם; עס איז פֿאַראַן ליבע, נאָר אויך זי איז באַלויכטן מיט פאַרשטאַנד. אַזוי, צום ביישפיל, איז דער אויפקום פון מדינת ישראל אַ געוואַלדיק־עמאָציאָנעלע דערפאַרונג וועלכע וועקט־אויף אין אים אַ שפיגל־קלאָרע ניכטערקייט.

דעם דיכטערס פולבלוטיקע התמכרות, איבערגעבנקייט צום אידישן וואָרט, זיין שיר־השירים צו אידיש, פאַרדינט אפשר אַ באַזונדערן קאַפיטל. דאָ פולסירט שטאַרק זיין לײדנשאַפט, שטראַלט ווי אַ זוניקער שטראָם, אָבער אויך אין דעם פאַל אַנט מען גלייכצייטיק אַ האַלב־פאַרטאַיעטן אָטעם, אַפילו אַ וואָלקנדיקן געמיט וואָס האָט זיך ווי אַריינגעכאַפט צווישן די שורות.

איך וויל דאָ, אַגב, אויך באַמערקן, און ריזיקירן מיט ניט פאַרשטאַנען ווערן, אַז גלאַטשטיינס קינות אויפן חורבן און שבחים צום אויפבלי טראָגן עפעס אַ פערזענלעכן כאַראַקטער. מען שטויסט זיך אָפטאַמאָל אָן אויף אַ געפיל אַז דער דיכטער האָט גאָר אין זינען צו דערציילן אויטאָביאָגראַפישע פרטים, אַזוי אַז די קאַנווע אויף וועלכער ער מאָלט דעם כלל ישראל איז פאַר אים בלויז אַן אויסרייד און אַ מיטל זיך אויסצולאָדן.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אלף־בית־אמת אַז יעדע פאָעטישע שאַפונג איז באַזירט אויף אייגן־הויטיקע דערפאַרונגען און אַנונגען. ביי גלאַטשטיינען איז דער ווייטיק אַ מין אומגליקלעך, פריוואַט האָב־און־גוטס, אַ פלאַמיק אויסגעשריי פון אַ קריטיש־פאַרוואונדעטן מענטשן. און עס פאַרמאָגט, וואָלט איך געזאָגט, אפשר אַן אומבאַוואוסטזיניקע צוריקגעהאַלטנקייט, אַ ריי אי־מאַזשן און אַסאָציאַציעס וועלכע פאַררונדיקן, אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקן, די לכתחילהדיקע געפילן אין אַן אָרגאַנישער איינלעכקייט וואָס עס איז שווער צו געפינען איר גלייכן.

שווער צו געפינען — ווייל גלאַטשטיין איז אַ העכסט־קאָמפּליצירטער מאָדערנער דיכטער. זיין מעטאַפאָר, זיין אָביעקטיוויזם, זיין שאַרפזין און זיין פריי פערז־געבוי זאָגן עדות אויף דעם. דאָ און דאָרט דערשפירט מען אין דעם דעם באַנד לידער אַ בייסיקן, בייטשיקן טאָן וואָס דערמאָנט, ווי אויסטערליש עס זאָל ניט קלינגען, אָן דער אַלטער אַזוי־גערופענער היינע־טראַדיציע. ווען מען נעמט אין באַטראַכט גלאַטשטיינס פיאָנערישקייט אין דער אידישער דיכ־טונג, זיין אינזיכיסטישע פאַרגאַנגענהייט, ווערט זיין שפּעטערע אוממיטל־באַרקייט אַ סורפּריז און אַ וואונדער. ער איז — ווי קלישע־מעסיק מיינע ווערטער זאָלן ניט זיין — געקומען פון דער ברייטער וועלט אַהיים; כדי צו ריידן דו־אויף־דו מיט די מיטגלידער פון דער משפחה, כדי צו וויינען און זינגען צוזאַמען מיט זיי.

נאָך די איינפלוסן וואָס עס האָבן אויף אים אויסגעאיבט אַזעלכע פאָעטן ווי עליאָט און וואַלאַס סטיווענס, נאָך אינטערעסאַנטע ווערסיפיקאַציע עקס־פערימענטן, נאָך די אַזוי־גערופענע מאָדנעקייטן וואָס זיינען געווען בגדר חידוש אויף דער אידישער ליטעראַרישער גאַס, האָט גלאַטשטיין זיך פאַרנומען אויף אַ וועג וואָס ער האָט זיך אפשר אַליין ניט געקענט פאָרשטעלן. אַ נייע, אידישע זעלבסטדערקענטעניש האָט אָנגעהויבן צו וויען פון זיינע לידער אין די שפּעטע דרייסיקער און פריע פערציקער יאָרן: זי איז באַשטאַנען פון דעם דיכטערס געוויינטלעכער פיקחות, קאָמבינירט מיט אַ שטורעמדיקער רחמנות.

איך גלויב, אַז אָט־דער צוגאַנג האָט זיך שוין געוואָרצלט אין גלאַטשטיינס פּראָזע־ווערק, די צוויי־בענדיקע „יאָש"־סעריע. איר האָט דאָ פיל מער ווי אַ סכעמע, אַן אָנדייטונג פון אַ נייער ריכטונג. עס ווערן געשטאַלטיקט



מענטשן און אידייען וועלכע זיינען טיף־אידיש אין באַנעם; דער פיין פון אַן ערב־אונטערגאַנג־דור שפּאַרט שוין דורך די אייגנאַרטיק־סטיליזירטע, גראַ־ציעז־שניידיקע זאַצן; די דאַמבעס ווערן ווייט פאַרטראָגן, פאַרשוועכט פון אַכזריותדיקע וואַסערן.

אויב די כאַראַקטעריזאַציע שיינט צו זיין אַביסל מליצהדיק אָדער גוזמא־דיק, איז זי אָבער גלייכצייטיק דער רעזולטאַט פון מיינער אַ לאַנגיאָריקער זוכעניש.

איך ווייס ניט צי איך האָב דעם ענטפער געפונען — ווער קען דען געפינען תשובות אויף שאלות פון דעם מין? — נאָר מיר האָט שטענדיק פאַרנומען די פראַגע: אין וויפל קאָמפּאַרטמענטן מעג אַ קינסטלער בכוונה, אומבאַוואוסט־זיניק, צי גאָר צופעליק, איינטיילן, אַזוי צו זאָגן, זיין טאַלאַנט? לייענענדיק גלאַטשטיינס יוגנט־לידער, און אויך די אַרבעטן פון זיין פריער מיטל־יאָריקייט, פלעג איך אַמאָל דערשפירן אונטערן האַרטן גלאַנץ פון זיינע שורות אַ וואַרעמקייט וואָס האָט זיך פרובירט באַהאַלטן. זיין מאָדערניסטישער אימאַזש איז געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, קלאָר־טונקל, עס האָט סיי געגלעפלט סיי געליכטיקט. נאָר צווישן דער צווייאיקייט, אַפילו צווישן דיסאָנאַנסן, פלעגט צייטנווייז זיך אַרויסשיילן די געשטאַלט פון אַ מענטשן וועלכער קלאַפּט אויך אין די טירן פון יענע ווערטן פון וועלכע ער אַליין האָט זיך געוואָלט, דירעקט צי אומדירעקט, אָפּזונדערן.

איך נעם דעריבער אָן, אַז אין אַ טיפערן זין איז אַזאַ איינטיילונג פון אויבנדערמאָנטן מין לגמרי ניט מעגלעך. דאָך האָב איך זיך באַמיט דאָ אָנ־צייכענען, ווען אַפילו אויבנאויפיק, יענע ליניע פון גלאַטשטיינס שאַפן וואָס האָט אים כמעט אומפאַרמײדלעך, אידייאיש און עמאָציאָנעל, דערפירט צו „פרייד פון אידישן וואָרט".

*

משה שטאַרקמאַן

## מדרש צו די מגילות אסתר און רות

מדרש רבה. תרגום אידיש, שינויי נוסחאות, ביאורים ומבוא. דערקלערונגען און אַריינפיר פון שמשון דונסקי, מאָנטרעאָל, תשכ"ב. — אסתר רבה: 223 זייטן; רות רבה: 168 זייטן.

„און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד" (בראשית י"ב, א'). — ר' ברכיה האָט אָנגעהויבן דרשענען די פרשה מיט אַ פסוק פון שיר השירים: „דער ריח פון דיינע איילן איז גוט; דיין נאָמען שמעקט אַזוי ווי בוימל, וואָס ווערט געגאָסן פון איין כלי אין אַן אַנדערער". ר' ברכיה זאָגט: צו וואָס איז אַברהם אָבינו גלייך געווען? צו אַ פלעשל שמעקנדיקן בוימל. דאָס פלעשל, גוט פאַרשטאָפּט, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און ניט אַרויסגעגעבן קיין דופט. וויבאַלד מ'האָט דאָס פלעשל גענומען אַרומטראָגן, האָט עס אָנגעהויבן צו שמעקן" (בראשית רבה, ל"ט, ב').

אויך די ספרים פון מדרש זיינען געגליכן געוואָרן צו פלעשער שמעקנ־דיקן איל; און שמשון דונסקי האָט אויף זיך גענומען אונטערצוטראָגן זיי דעם היינט־צייטיקן אידישן לייענער, כדי ער זאָל אין זיך אַריינאָטעמען זייער אַראָמאַט און אינספּירירט ווערן פון זייער גוסט און גייסט. דונסקי האָט אויף זיך גענומען צו איבערזעצן דעם מדרש אין אַ מאָדערנעם אידיש, וואָס זאָל גלייכצייטיק אויפהיטן די נוסח־שיינקייטן פון טראַדיציאָנעלן עברי־טייטש. און ניט נאָר דאָס אַליין. פונקט ווי אין יהואָשעס תנ"ך־איבערזעצונג גייען

מקור און תרגום איניינעם; און פונקט ווי אין שמחה פּיעטרושקאָס משניות־איבערזעצונג זיינען געדרוקט צוזאַמען די משנה אין מקור און דער פּירושדיקער איבערטייטש, אַזוי האָט דונסקי, ייבדל לחיים אַרוכים, גענומען געבן דעם מקור פּאַראַלעל מיט דער איבערזעצונג. דער טעקסט פון מקור איז געגרונטפעסטיקט אויף די וויכטיקסטע הנחות פון די גרעסטע מדרש־מומחים. די הערות זיינען באַזירט אויף די אויספירן פון מפרשים און פאָרשערס, אַמאָליקע און היינטיקע.

דעם אָנהייב פון זיין געלונגענעם איבערזעצן „מדרש רבה" אויף אידיש האָט דונסקי געמאַכט מיט „איכה רבתי", און איצטער האָט ער אַריינגעבראַכט אינעם אוצר פון דער אידישער ליטעראַטור די מדרשים צו צוויי אַנדערע מגילות: צו „מגילת אסתר" און צו „רות", — אין צוויי באַזונדערע ספרים, אָבער געבונדן איניינעם.

די דורשי־רשומות, די חכמי המדרש, וואָס האָבן אויף זייער שטייגער געטייטשט די פּסוקים פון תנ"ך, האָבן אַזוי געזאָגט וועגן זייער אייגענער יצירה:

„אויב דו ווילסט דערקענען אים, וואָס דורך זיין זאָג איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, לערן אגדה, ווייל אַזוי־אַרום וועסטו דערקענען גאָט, ברוך הוא, און וועסט זיך באַהעפטן אין זיינע דרכים" (ספרי — עקב).

די אגדות פון די מדרשים, זייערע משלים און דערציילונגען, זייערע גלייכווערטלעך און פאַרגלייכעניש, זייערע אויסטייטשונגען און וואָרט־בילדער, זייערע כאַראַקטעריסטיקעס פון צדיקים און רשעים, פון מידות טובות און פון שלעכטע מעשים, — האָבן טאַקע געלערנט צו פאַרשטיין גאָט און זיין וועלט, — און די לערעס האָבן במשך אַ סך דורות פאַרכאַפּט לומדים און פּראָסטאַקעס, מאַנסלייט און ווייבער, דערוואַקסענע און קינדער. די אידישע שפּראַך איז געפורעמט געוואָרן ביים טייטשן די מדרשים, און דערפאַר איז גערעכט דונסקי, ווען ער שטרייכט אונטער:

„פון אַלע מאָדערנע שפּראַכן איז אידיש אַממערסטן מסוגל איבערצוגעבן דעם קאָלאָריט און דעם ריטם פון מדרש לשון און סטיל. הונדערטער יאָרן האָט דער גרעסטער, און אין זיין צייט שעפערישסטער, טייל פון אידישן פאָלק, דאָס אַזוי אַכזריותדיק־אומגעבראַכטע אַשכנזישע אידנטום, געלערנט און געטייטשט הלכה און אגדה, גמרא און מדרש, סיי אין די חדרים און ישיבות, סיי בין מנחה למעריב און שבת און יום־טוב אין בית־המדרש — אויף אידיש. — — — די איבערזעצונגען אויף ענגליש און דייטש, וואָס זיינען קאָרעקט, — — — זיי פאַרמאָגן ניט דעם עכטן מדרש־ריטעם, זיין קאָלאָריט און זיין אינטימען שפּראַך־נוסח, צוליבן פשוטן טעם, וואָס יענע לשונות האָבן ניט, — ניט שריפטלעך און ניט מינדלעך, — קיין דורותדיקע מדרש־טראַדיציע, ווי אידיש פאַרמאָגט עס" (פון דעם אַריינפיר צו „אסתר", ז"ז 14־15).

רש"יס באַנוצן זיך מיט מדרשים פאַר זיין פירוש האָט אַ סך געהאָלפן צו דעם, אַז דורך טייטשן פירוש רש"י זאָלן דער וואָרט־אוצר פון דער אגדתא און איר בילדערישע אידיאָמאַטיק ווערן באַשטאַנד־טיילן פון דער אידישער שפּראַך.

דונסקיס הקדמות צו די מדרשים זיינען אַריינפירן, וואָס איטלעכער פון זיי איז אַ מועט המחזיק את המרובה, — אַ מוסטער פון וויסנשאַפטלעכער עסייאיסטיק. פאַרגלייכנדיק, למשל, דעם אידייאישן איינשטעל פון די חכמי המדרש מיט דער געשיכטע־פילאָזאָפיע פון היינטצייטיקע היסטאָריקערס, ווייזט ער אָן אויף דעם גרונט־חילוק:

„בעת דער היינטיקער היסטאָריקער וואָלט געזוכט די סיבות פון דערשיינונגען אין



דעם הינטערגרונט פון די געשעענישן... זוכט זיי דער בעל המדרש אין דער ספערע פון עטיק, פון מאָראַלישער אויפפירונג. — — — ווייסן ווייסט דער בעל המדרש, אַז מיט אַלע זיינע שאָטנדיקע זייטן איז נאָך אַלץ דאָס פאָלק ישראל אַ צדיק לגבי דער אַרומיקער געצנדינערישער וועלט. ר' איבו זאָגט: ווען אידן עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין, בענטשן זיי און לויבן און אַכפּערן הקדוש ברוך הוא. אָבער אַז די אומות העולם עסן און טרינקען, פאַרנעמען זיי זיך מיט פאַרשייטקייט".

דונסקי באַטאָנט, אַז די בעלי אגדה, וואָס זיינען געגאַנגען אין די פוסטריט פון די נביאים, האָבן אין זייער עטישן פּאַטאָס פאַרוועבט פיינעם הומאָר, כדי צו דערפרייען זייערע צוהערערס. זייער קינסטלערישער דראַנג איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם, וואָס זיי האָבן דעם צימצומדיקן תנ"ך־טעקסט גענוצט ווי אַ מיטל צו שפּינען דיאַלאָגן, קאָנפליקטן און אַריינצודרינגען אין די טיפענישן פון דער מענטשליכער זעל.

כאַראַקטעריזירנדיק יעדן מדרש־ספר באַזונדער, ציט דונסקי אויך פּאַראַלעלן צווישן זיי, מיטן טאָפּלטן ציל: כדי צו ווייזן דאָס שותפותדיקע, און גלייכצייטיק אַרויסהייבן די אונטערשיידן. אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ פּאַראַלעל אין דעם אַריינפיר צום מדרש „רות":

„טריי דעם אידילישן כאַראַקטער פון מגילת רות, איז אויך אונזער מדרש אידיליש, געצוימט און איינגעהאַלטן. ניטאָ דער דראַמאַטישער און אויפטרייסלענדיק־דערשיטערנדיקער פּאַטאָס פון „איכה רבה", אָדער פון באַשטימטע עלעמענטן פון „אסתר רבה". דער פּאַטאָס, וואָס איז דאָ יאָ פאַראַן, איז אַ געצוימטער, אַ צוריקגעהאַלטענער. — — — דערפאַר איז אָבער דאָ פאַראַנען אַ פיינע פאַרטיפונג אין די כאַראַקטערן... פיינע פּסיכאָלאָגישע אַריינטראַכטונגען אין דער נשמה פון אירע העלדן און אין די אומשטענדן פון זייערע לעבנס. דער בעל המדרש באַמיט זיך אַריינצובליקן אין דער היסטאָרישער תקופה פון די שופטים, ווען רות האָט געלעבט, און זיך צו פאַרטיפן אין די באַדינגונגען און אינעם שטייגער לעבן פון יענער צייט. און צוביסלעך ווערט געשאַפן אַ בילד פון דעמאָלטיקן מצב ביי אידן אויף פאַרשידענע געביטן פונעם לעבן" (ז"ז 4־5).

פאַר די צוויי תנ"כישע פרויען־פיגורן, רות און אסתר, האָבן די חכמי־המדרש געבויט פּרעכטיקע היכלות, אין אַן אייגנאַרטיקער דערציילערישער אַרכיטעקטור, באַלויכטן מיט עטישער ליכטיקייט און באַפעסטיקט מיט בטחון און אמונה אין אידישער אייביקייט.

כדי ס'זאָלן פאַר די לייענער קלאָר ווערן, אי די מאָטיוון און די טעמאַטיק פון די מדרשים, אי די אייגנשאַפטן פון שמשון דונסקיס איבערזעצונג, ברענגען מיר ווייטער עטלעכע אויסצוגן.

א) צו וואָס איז המן הרשע געגליכן? צו אַ פויגל, וואָס האָט געמאַכט אַ נעסט אויפן ברעג ים און דער ים האָט זיין נעסט אַראָפּגעשווענקט. האָט ער געזאָגט: „איך ריר זיך ניט פון אָרט, ביז איך מאַך ניט פון ים יבשה און פון יבשה — ים". וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען וואַסער פונעם ים אין זיין מויל און געגאָסן אויף דער יבשה, און גענומען ערד פון דער יבשה און געוואָרפן אין ים. איז געקומען זיין חבר און האָט זיך געשטעלט איבער אים און געזאָגט: „דו שלימזל, דו פינצטער מזל! סוף כל סוף — וויפל קאָנסטו באַווייזן?" אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו המן הרשע: דו נאַר אײנער! איך האָב, כביכול, געוואָלט זיי פאַרטיליקן און האָב ניט געקענט — — — און דו האָסט געזאָגט: אויסצוראָטן, אויסצוהרגענען און אומצוברענגען! ביי דיין לעבן! דיין קאָפּ וועט אַראָפּגענומען ווערן אָנשטאָט זייער קאָפּ, דען זיי זיינען אָנגעברייט אויף ישועה און דו — אויף דער תליה (אסתר רבה, ז', ו').

ב) און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פעסט צו גיין מיט איר (רות א', י"ח). ר' יהודה דער זון פון ר' סימון האָט געזאָגט: קום און זע, ווי ליב זיינען די גרים פאַרן אייבערשטן: ווי נאָר זי, רות, האָט אָפּגעמאַכט די דעה זיך מגייר צו זיין, אַזוי גלייך האָט זי דער פּסוק פאַרגליכן צו נעמין.

ג) אדריאנוס קיסר האט געזאגט צו ר׳ יהושען: „גרויס איז דאס שעפעלע, וואס קאן שטיין צווישן זיבעציק וועלף“. האט ער אים געזאגט: „גרויס איז דער פאסטוך, וואס ראטעוועט עס און צעברעכט זיי“. דאס איז ווי אין פסוק שטייט (ישעיה נד, יז): איטלעך געצייג, וואס וועט באשאפן ווערן קעגן דיר, וועט ניט מצליח זיין (אסתר רבה י׳, יא).

דונסקיס וויסנשאפטלעכע הערות, זיינען א סינטעז פון טעקסט־שטודיע און פירוש. און כאטש די הערות זיינען א באגלייטונג צום מקור און צו דער איבערזעצונג, דארפן זיי אויך באטראכט ווערן ווי א באזונדערער אויפטו.

צומטייל אין משנה, אבער בעיקר אין דער גמרא, — אי אין תלמוד בבלי, אי אין תלמוד ירושלמי, — גייען הלכה און אגדה אינאיינעם. פון דעם קען מען אפלערנען א סך זאכן, און אויך דעם אויספיר, אז אי הלכה, אי אגדה זיינען ביידע צוויי באזונדערע פאזעס פון איין אידישער יצירה. הלכה און אגדה, פונקט ווי תורה, נביאים און כתובים פינקלען אין דעם כתר, וואס אונזער נאציאנאלער געניוס האט ארויפגעטאן אויפן קאפ פונעם גאנצן אידישן פאלק.

ר׳ יצחק אבוהב, דער בעל „מנורת המאור“, האט געגליכן די אגדתאס צו פערל פון די ים־טיפענישן, — פערל פון ים־התלמוד. די אידישע לערנערס און לייענערס פון היינט, אויב נאר זיי וועלן צולייגן קאפ און הארץ, אויפן שטייגער ווי דאס האבן געטאן אידן פון די פריערדיקע דורות, וועלן זיי אליין ווערן מבינים אויף אזעלכע פערל. זיי וועלן קענען זיך דערגרונטעווען איטלעכער צו די פערל פון אינספיראציע אין די טיפענישן פון דער אייגענער נשמה.

*

## „זון איבער אלץ“ פון רחל פישמאן

„זון איבער אלץ“ — אזוי הייסט דאס קליינע ביכעלע לידער פון דער יונגער דיכטערין רחל פישמאן. עס איז דא א יוגנטלעכע שיין איבער די לידער, דער נאמען איז א האפערדיקער, האט די פריידיקייט פון א שפרונג. כאטש ניט אין אלע לידער אירע איז דא די פריידיקייט פון זון איבער אלץ. דאס ביכל לידער פון רחל פישמאן איז אן אומדערווארטע דערשיינונג. מען קען זאגן — די טויב וואס האט געבראכט א גרינע בלאט פון דעם יונגן אידישן דור אין אמעריקע.

רחל פישמאן איז איבערגעקומען א סך מחיצות — איבער אלץ — אויף איר וועג צום אידישן ליד. זי איז א פילאדעלפיער געבארענע און טאקע ווי מיט א שפרונג איז זי אריבער די שפראך־אסימילאציע צווישן די יוגנטלעכע פון איר דור און האט דערגרייכט צו די קוואלן פון א לעבעדיק אידיש לשון. זי האט אויסגעלייגט איר אייגענעם וועג.

די לידער זיינען דערשינען אין י. ל. פרץ פארלאג אין ישראל, וואו רחל פישמאן וואוינט. זי איז א חברה פון קיבוץ בית אלפא. ארום איר קלינגט די העברעאישע שפראך. איז זי ווידער בייגעשטאנען דעם אנשטראם פון דעם ארום, און זי שרייבט אויף אידיש. אין א סביבה פון א קיבוץ, וואו די גאנגבארע שפראך איז העברעאיש און די „גאנגבארע“ שטימונג איז פאר העברעאיש, איז דאס אן אינערלעכע אנשטרענגונג פון א היפשער מאס און א ווידערשטאנד פון א דיכטער. דער קאמפאס פון וועלכן רחל פישמאן ווערט געפירט איז דאס געזאנג וואס לעבט אין איר אויף א נאטירלעכן אופן און ברענגט זי צום אייגענעם אויסדרוק.

רחל פישמאן איז געצאמט. זי פארנעמט זיך ניט צופיל מיט איר



חלוציות, כאטש זי איז א חלוצה אין אלטן שטרענגן זין פון דעם ווארט. עס איז איר מסתם ניט אנגעקומען גרינג דער איבערגאנג פון בליץ־שנעל געלאף פון דער סאבוויי אין פילאדעלפיע צום פיאנערישן צופוס־גיין אין די פעלדער אדער ווייגארטנער אין בית אלפא. אין אירע לידער איז בלויז פאראן א רמז אויף דעם: „ניט צו דערקענען איצטער מיינע פיס / איך יאג זיך נאך זיי א גאנצן טאג“. זי האט זיך אויסגעהיט פון דער שיגרא צו „באזינגען“ אירע טואונגען. זי באזינגט ניט און זי באלויבט ניט. דעם בארג גלבוע, וואס איז דער צוקאפנס פון איר קיבוץ, דערמאנט זי בלויז איין מאל. „ס׳האט ערשט דער גלבוע / דיך באמת אויסגעלערנט / שווייגן“. עס איז דא אן איינגעהאלטענע געשפאנטקייט אין אויסדרוק, און עס איז אפשר דער שטילסטער מאטא פאר די אלע שוויגער, וואס זיינען געקומען צו די בערג און די טאלן פון ישראל און אפגעגראבלט פון זיי די וויסטעניש. וועגן מי און מאטער, און זייער לייבלעכע שוועסטער — געוויין — האט זי אויך צו זאגן זייער קורץ: „ביימער נאך א רעגן / האבן דיר געוויזן / ווי מען טרייסלט אפ די טרערן“. מיט א זייער צניעותדיקן דעקטוך ווערט די אנגסט פון דעם אויסדרוק איבערגעדעקט.

אט פונקט אזוי, כמעט אן רייד, ציטערט ביי איר ארויס אין איניקע לידער א אידישער ציטער — די דורותדיקע אומזיכערקייט. זי זאגט עס וועגן זיך, נאר די קורצע שורה פון דעם ליד שפרייט זיך אויס אויף ברייטערע שטחים: „דווקא ווען איך רייט / אויף אונזערע אוילבירטביימער / פיל איך פעסט אונטער די פיס / דאס פעלד“. רחל פישמאן איז יונג. זי איז אין די צוואנציקער. און איר באהויפטונג אז זי זוכט א פעסטקייט אונטער די פיס האט א סך אנדייטונגען אויף דורותדיקער אומזיכערקייט פון א פאלק, וואס די ערד האט א סך מאל געזונקען אונטער זיינע פיס. איר אינערלעכע וועלט כאראקטעריזירט רחל פישמאן אליין אין איר ליד „א שפאציר“: „אונטער דער פאכווע / פארדרוקט / א ליכטיקן אויסרוף. / אין זכרון — / א הייס שווייגן. / און זיך געלאזט גיין, גיין“. דאס שווייגן, און בלויז מיט א זייטיקן באריר אנדייטן אויף דעם „הייסן“ באגער וואס איז פארשוויגן געווארן, איז דער אייגנארטיקער אופן פון רחל פישמאנס ארויסאטעמען א ליד, אפטמאל מער געפילמעסיק, ווי געזאנגמעסיק.

כאטש די זאמלונג הייסט „זון איבער אלץ“, זיינען דארט דא שאטנס פון פארבארגענעם טרויער. די פארזיכערונגען, אז זי לאכט אריבער דעם רעגן און דעם וואלקן — „נאר לאכן, לאך איך זיי אריבער / און פרייען פריי איך זיי גלייך אויס“ — זיינען גיכער דעקלאראטיווע זאגונגען ווי דער רעגנבויגן פון אוממיטלבארער פרייד. אין ביכל זיינען פאראן אנדערע זאגונגען פון דעם מין. „ים מיך ארום“ און „כוואליע מיך דורך“ זיינען ווארט־שאפונגען לשמם, צוליב דער ווארט־שאפונג אליין. זיי זיינען ניט קיין נויטוועגדיקייט אינעם ליד, ניט קיין פועל־יוצא פון אן אנגעלאפענעם געפיל, וואס רייסט אויף די צאמען פון דער פאראנענער שפראך כדי קומען צום פולן אויסדרוק. ביי רחל פישמאן איז עס אן עקספערימענט, א מין שטיפעריי — אט וועל איך ווייזן וואס איך קען! עס האט ניט דעם אימפעט ווען דאס ווארט בליצט אויף מיט זיין אייגענער געזעצלעכקייט. אירע לידער האבן אנדערע מעלות. איר אויסדרוק איז פריש, אירער אן אייגענער, אפטמאל אן אפגעהאקטער און עס איז פאראן דער טוי פון אינערלעכער איבערלעבונג.

ק. מאלאדאווסקי

יהודה יערי

# אַ שכן

(דערציילונג)

א.

מיין שכן, אַן עולה פון דייטשלאַנד, האָט זיך אין דער זעלבער צייט וואָס איך אַריינגעצויגן אין דעם נייעם הויז אין אַ נאָר־וואָס אויסגעבויטער געגנט אין ירושלים. ער, אויפן אונטערשטן שטאָק, און איך אויפן צווייטן שטאָק איבער זיין דירה.

קיין באַקאַנטשאַפט צווישן אונז האָט זיך ניט איינגעשטעלט, כאָטש איך האָב געפּרואווט זיין אַ גוטער שכן. אַ פּאָר מאָל אַ טאָג גיי איך פאַרביי זיין טיר, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט מיט גרויסע אידישע אותיות אויף אַ קופּערנעם טאָוול זיין נאָמען: ריכאַרד אָפּענהיימער. דאָס מעטאַלענע בלעטל איז אויסגעגלאַנצט און וואַרפט זיך אין די אויגן.

עס טרעפט אַז אינדערפרי ווען איך גיי צו דער אַרבעט באַגעגן איך אים, מיין שכן, אין קאָרידאָר. ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל פון זיין רויטן קאָפּ האָר, שמייכלט און זאָגט מיט זיין געדיכטער שטים ווי אַ באַס, אַז עס הילכט איבערן גאַנצן קאָרידאָר:

— שלום, גוטען מאָרגען.

— שלום — ענטפער איך אים און פון העפלעכקייט וועגן נעם איך אויך אַראָפּ מיין היטל.

חוץ די פרימאָרגעדיקע באַגעגענישן און די העפלעכע „גוט מאָרגנס", וואָס טרעפן זיך ניט צו אָפט, איז צווישן אונז קיין שום מגע ומשא נישטאָ. ווען נישט דער רויך און דער ריח פון זיינע גראָבע סיגאַרן, וואָס דערטראָגן זיך צו מיר פון זיין אָפענעם פענצטער, וואָלט איך ניט געדענקט אַז איך וואוין אין שכנות מיט אים. ער איז אַ רואיקער מענטש, גייט גענאַסן, און עס איז שטיל אין זיין הויז, ניטאָ קיין קינדער וואָס זאָלן פּישטשען דאָרט, און מען הערט ניט קיין פּיפּס פון אַ ראַדיאָ אָדער אַ גראַמאָפאָן. אמת, ביי מיר איז אויך ניטאָ קיין ראַדיאָ און קיין גראַמאָפאָן, און ביי מיר פּישטשען אויך ניט קיין קינדער אין שטוב, אָבער ווען מען רוקט ביי מיר אַ בענקל אָדער אַ טיש, אָדער מען מאַכט אַ האַסטיקן שפּאַן הילכט עס מסתם אָפּ ביי אים אין דער דירה, און ער פילט אַוודאי מיין שכנעשאַפט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב געלייענט די צייטונג, האָב איך באַמערקט אַ מזל טוב צו ריכאַרד אָפּענהיימער צום געבורט פון אַ אינגל. וועלכן ריכאַרד אָפּענהיימער מיינט מען דאָס? זאָל דאָס זיין מיין שכן? — יאָ, מיין שכן, ווייל דער באַגריסער איז ה. לוי, און ה. לוי, ווייס איך, איז אַ שותף אין זיין געשעפט. אויף דער שילד פון זיין גרויסער קראָם פון רפואות און קאָסמעטיק אויף דער הויפּט־גאַס איז אָנגעשריבן — אָפּענהיימער און לוי. איך האָב געלייענט די באַגריסונג איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל און איך האָב געטראַכט ווי משונה אונזער לעבן איז: אין אַ הויז וואו איך וואוין איז אַ פרוי געלעגן געוואָרן, אַ זון איז געבאָרן געוואָרן — און איך האָב נישט געוואוסט. אַ דינער באַלקן איז צווישן אונז, און איך דאַרף זיך דערוויסן וועגן דעם פון דער צייטונג.

כ'האָב אַ טראַכט געטאָן און כהאָב פאַרגעסן, פאַרגעסן וועגן שכן, וועגן זיין זון וואָס איז געבאָרן געוואָרן, און איך בין אַוועק צו דער אַרבעט.



ער איז מיר אַרויס פון זינען, אָבער אין אָוונט האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אָן אים. ווען איך האָב זיך געזעצט עסן אָוונטברויט האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר, איך עפן און עס קומט אַריין מיין שכן, הער ריכאַרד אָפּענהיימער.

— שלום, גוטען אַבענד!

כ'האָב אים אַריינגעבעטן אין שטוב. ער איז געשטאַנען אַ ווילע פאַר־לוירן און האָט געשוויגן. איך האָב איצט געהאַט די געלעגנהייט אים צו באַטראַכטן פון דער נאָענט. אַ רויטלעכער, מיט אַ שמאָלן שטערן, שיקלט אַביסל מיט זיינע טונקעלע אויגן, די ליפּן פולע, רויטע, דער קערפּער שטייף מיליטעריש און אויפן דיקן נאַקן זיינען דאָ שראַמען. אין מיין שטעטל, אַמאָל אין פּוילן, פלעגט מען אויף אַזאַ איינעם זאָגן — „ער האָט אַ פּנים פון אַן עשו". מען האָט געזען, אַז עס איז אים שווער אָנהויבן צו ריידן און זאָגן וואָס ער וויל. איך האָב געזאָגט צו אים:

— זעצט זיך, הער אָפּענהיימער. מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— אַ דאַנק, יע, יע — האָט ער געשטאַמלט און זיין שטים איז דאָס מאָל געווען איינגעהאַלטן און ווייך, אינגאַנצן אַן אַנדער שטים ווי איך פלעג הערן אויף אונזערע פרימאָרגעדיקע באַגעגענישן אין קאָרידאָר — יע, יע, איך האָב צו אייך אַ בקשה. מאָרגן איז ביי אונז דער ברית. איר ווייסט דאָך, אַז אַ זון איז ביי אונז געבאָרן געוואָרן.

— יע, איך האָב געהערט, הער אָפּענהיימער. מזל טוב.

איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט, און עס האָט זיך ביי אים באַלד אַביסל אָפּגעבונדן די צונג:

— איך וועל ריידן צו אייך אָפנהאַרציק. איך ווייס ניט וואָס זאָל איך דאָ טאָן. איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט. איך קען ניט מאַכן די ברכה מאָרגן אויפן ברית. איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט — זיין רויטלעך פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן פון פאַרשעמטקייט, און עפּעס קינדישעס און אַ מין תמימות איז אויפגעקומען ביי אים אין געזיכט. דאָס האָט מיך גערירט, ווייל עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס רירט אַזוי שטאַרק ווי אַ שטרענג פּנים וואָס ווערט פּלוצלונג ווייך.

כ'האָב אַרויסגענומען דעם סידור און איך האָב אויפגעמישט די ברכה וואָס מען מאַכט ביי אַ ברית.

— אָט איז די ברכה — האָב איך געזאָגט.

— המ... המ... — האָט ער אַ מורמל געטאָן, און האָט אַ לאַך געטאָן שטאַרק פאַרלאָרן — וואָס קען מען דאָ טאָן? איך קען ניט לייענען... אַפילו די אותיות ווייס איך ניט... אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין מיר אָנשרייבן די ברכה מיט לאַטיינישע אותיות — האָט ער געזאָגט און נערוועז אַ ריר געטאָן זיינע פינגער.

איך בין געוואָרן נשתומם. עס איז געווען עפּעס אויפטרייסלענדיקס אין דער הילפלאָזיקייט וואָס מיין שכן האָט אַרויסגעוויזן. זיין פאַרהאַלטן זיך שטענדיק איז אַזאַ זיכערע, אַ פעסטע, און זיין „גוט מאָרגן" אינדערפרי איז געווען, ווי איינער זאָגט: „איך קען אַלץ, איך ווייס אַלץ" און מיטאַמאָל אַזאַ הילפלאָזע פאַרלאָרנקייט ווייל ער קען ניט לייענען אין סידור, און דאָס מודה זיין זיך אין זיין הילפלאָזיקייט איז געווען רירנד. איך האָב דערפילט אַ רחמנות צו אים און איך האָב זיך באַמיט ניט אַרויסצואווייזן מיין פאַרוואונ־דערונג. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און האָב אָנגעשריבן פאַר אים די ברכה

מיט לאַטייִנישע בוכשטאַבן, אַזוי ווי ער האָט געבעטן. איך האָב געשריבן מיט געדרוקטע אותיות, כדי עס זאָל אים גרינגער זײַן צו לייענען. דערנאָך האָב איך עס איבערגעלייענט פֿאַר אים אַ פּאָר מאָל, און ער האָט פֿאַר מיר איבערגעלייענט אַ פּאָר מאָל מיט אַ שווערן דײַטשישן אַקצענט: „פֿאַרוך אַאַטאַ... לעהאַכניזאָ בבריתו של אברהם אבינו". און ווען איך האָב געזען אַז ער קען שוין די תּורה, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן, כ'האָב אים דערלאַנגט די האַנט אויף געזעגענען זיך מיט אים. ער האָט מיר זײַן האַנט ניט דערלאַנגט:

— איך האָב נאָך אַ בקשה צו אײַך, אַנטשולדיקט וואָס איך באַמי איך אַזויפֿיל — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זײַן אָפּגעוווייכטער שטים — נאָך אַ קליינע בקשה האָב איך... וואָס פֿאַראַ נאָמען קען מען געבן דעם קינד? איר ווייסט דאָך, אַז מײַן נאָמען איז ריכאַרד. אָבער פֿאַר אונדזער זון ווילן מיר עפּעס אַ שיינעם העברעאישן נאָמען, עפּעס אַ נאָמען פֿון דער ביבליע... איך בעט אײַך, אפֿשר קענט איר עפּעס אויסזוכן פֿאַר אונדז אַ שיינעם נאָמען פֿון דער ביבליע.

איך האָב אַ נעם געטאָן דעם תּנ"ך, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש, און איך האָב אים אַן עפֿן געטאָן אויף דער פּרשה „בהעלותך". „אליצור בן שדיאור" האָב איך איבערגעלייענט די ערשטע ווערטער אויף דעם זײַטל.

— אליצור, אליצור — האָט מײַן שכן אויפֿגעלויכטן ווי איך וואָלט פֿאַר אים געפֿונען די גרעסטע מציאה — אליצור! וואונדערבאַר, גראָסאַרטיק! אַ וואונדערבאַרער ביבלישער נאָמען. אַ דאַנק, אַ דאַנק אײַך, אליצור! — ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט אויף געזעגענען זיך מיט מיר און בשעת מעשה מיך אײַנגעלאַדן צום ברית. עס איז געווען אַן אײַנלאַדונג פֿון העפֿלעכקייט וועגן, פֿונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן גיין צום ברית, ווײַל איך האָב געפֿילט, אַז איך האָב טאַקע אַ חלק אין דער שׂמחה. די ברכה האָב איך אים אויסגעלערנט, דעם נאָמען האָב איך פֿאַר אים געפֿונען, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט זײַן ביי דער שׂמחה?

ס'איז געווען אַ זומערדיקער אָוונט, אַ הייסער אָוונט, אָן אַ ווינט. איך בין געזעסן אויף דער וועראַנדע וואו עס איז לופֿטיקער. מײַן שכן איז אויך געזעסן אויף זײַן וועראַנדע. אַ לאַנגע צײַט האָב איך געהערט ווי ער ברומט אונטער, ווי איינער וואָס דאַוונט, און ער לערנט אויף אויסנווייניק די ברכה: „לעהאַכניזאָ בבריתו של אברהם אבינו"... יענעם אָוונט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפֿילט אַז איך האָב אַ שכן.

ב.

צומאָרגנס אינדערפֿרי האָב איך זיך אָנגעטאָן אין מײַנע שבתדיקע בגדים, כ'האָב זיך באַפֿרײַט פֿון דער אַרבעט און איך בין אַוועק אין שפּיטאָל, וואָס מײַן שכן האָט מיר נעכטן אָנגערופֿן, און בין געקומען צום ברית. איך האָב זיך אַביסל פֿאַרשפּעטיקט. מײַן שכן האָט שוין אָפּגעזאָגט די ברכה. עס איז געווען אַ גרויסער עולם. איך האָב זיך דורכגעשטופּט צווישן די פֿאַרזאַמלטע און איך בין צוגעקומען ביז צום כּסא אליהו. דאָס געמלטע קינד האָט געשריען אויף זײַנע ערשטע לעבנס־יסורים. ר' שלמה־יעקב דער מוהל, וואָס מען זאָגט אויף אים אַז ער האָט שוין מל געווען צען טויזנט אידישע קינדער, איז געשטאַנען און האָט פֿאַרבונדן די וואונד. דער טאַטע, דער בעל ברית, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם זײַדענעם טלית און איז געווען אָנגעלענט אָן דעם סנדק־שטול. זײַן פּנים פֿאַרוואָלקנט, אָנגעשטרענגט און בלייך. איך האָב חרטה געהאַט וואָס איך האָב נעכטן געטראַכט אַז ער האָט אַ פּנים פֿון אַן עשו.



ניין, איצט האָט ער שוין ניט געהאַט קיין פּנים פֿון אַן עשו, נאָר פֿון אַ דערשלאָגענעם מענטשן וואָס דער גורל האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. אַ שטאַרקע ענדערונג האָט זיך אָנגעזען אויף אים. איך האָב געקוקט אויף אים מיט פֿאַרוואונדערונג. אַז עס איז געקומען אַ נאָמען צו געבן דאָס קינד, איז ער אויפֿגעהייטערטער געוואָרן. „אליצור בן ריכאַרד" — האָט ער אויסגערופֿן צום מוהל מיט פֿרייד. דער מוהל האָט אים גלײַך פֿאַרריכט — „בן ראובן". מײַן שכן האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרלאָרן, און צום ערשטן מאָל האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט. ער האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן.

באַלד איז דער ברית פֿאַרענדיקט געוואָרן. דאָס שרייענדיקע קינד האָט מען צוגענומען צו דער מוטער. דער עולם האָט זיך געזעצט ביי די געגרייטע טישן. עס איז געווען טומלדיק. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל טוב, מען האָט געשמועסט, מען האָט געקלאַפּט מיט די גלעזלעך און מען האָט אַ סך געלאַכט. דאָס רוב פֿון די געסט זײַנען געווען געקומענע פֿון דײַטשלאַנד און איך האָב כּמעט קיינעם ניט געקענט. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן דעם עלטסטן פֿון זיי אַלעמען, דער וואָס האָט געהאַט סנדק. זײַן אויסזען און דאָס וואָס ער איז געווען סנדק האָט מיך צוגעצויגן צו אים. זײַנע ווײַסע האָר האָבן אויסגעזען ווי אַ קרוין אויף זײַן קאָפּ. זײַן אונטערגעשאָרענע באָרד און די וואָנצעס זײַנען געווען אויסגעלייגט ווי אַ קמץ. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַן אָנגעזעענעם און זייער חשובן מענטשן. ווען איך זאָל זיך צו אים ווענדן מיטן טיטול „הער געהיימראַט" בין איך זיכער אַז ער וואָלט זיך אָפּגערופֿן. אָבער איך האָב זיך געקווינקלט און אים אָנגערופֿן „הער דאָקטער". און איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט.

— ווי איז אַרויסגעקומען די ברכה פֿון דעם בעל ברית, הער דאָקטער?

— זייער שיין, זייער שיין — האָט דער אַלטער געענטפֿערט מיט התפּעלות

— זייער שיין, גראָסאַרטיק!

— איך האָב אים אויסגעלערנט די ברכה — האָב איך אים אַרײַנגעשושקעט אין אויער, ווײַל אַ פֿאַרלאַנג צו באַרימען זיך איז אויף מיר אָנגעקומען, און אפֿשר האָב איך געוואָלט באַרעכטיקן מײַן זײַן דאָ.

— אַזוי... אַזוי... זייער שיין — האָט דער אַלטער אַ מורמל געטאָן פֿון יוצא וועגן און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן.

— ער קען ניט קיין עברי — האָב איך גערעדט ווייטער רכילות — איך האָב אים די ברכה באַדאַרפֿט אָנשרײַבן מיט לאַטייִנישע בוכשטאַבן, ער קען דאָך אַפֿילו קיין סידור ניט זאָגן. ווײ, ווײ צו אונדזער דור!

דער אַלטער האָט גאָרניט געענטפֿערט און האָט אויסגעטרונקען זײַן כּוס ווײַן ביזן דעק.

— זײַן זיידע איז אַוודאי געווען אַ רבֿ, און ער קען ניט קיין צורת אות... ווי צו זײַן טאַטן וואָס האָט אים אַזוי דערצויגן.

דער אַלטער האָט אָפּגעווישט דעם מויל מיט אַ בלאַנקענדיק־ווײַס טיכעלע און האָט געזאָגט:

— זײַן זיידע איז קיין רבֿ ניט געווען, און זײַן טאַטע — אָט זיצט ער, איך בין זײַן טאַטע.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז אויך ער שיקלט אַביסל מיט די אויגן, און ער האָט טאַקע אַן ענלעכקייט צו מײַן שכן. איך בין רויט געוואָרן פֿון בושה. איך האָב זיך געמאַכט פֿאָרוואורפֿן פֿאַר מײַן צעפּלאַפּלען זיך. איך האָב אַפֿילו ניט געפֿונען קיין וואָרט אויף אַנטשולדיקן זיך. דער אַלטער האָט

זיך אָנגעגאָסן אַ צווייט גלעזל וויין, האָט עס ווידער אויסגעטרונקען ביזן דעק און האָט פאַרגעזעצט:

— וויבאַלד אַז איר האָט אויסגעלערנט מיין זון די ברכה איז כדאי איר זאָלט וויסן די גאַנצע געשיכטע. זיין זיידע איז נישט געווען קיין רב. ער איז געווען אַ דאָקטער. און איך, זיין טאַטע, בין אויך אַ דאָקטער. איך האָב זיך געשמדט ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואָקסענער. אָבער קיין גאַנצער גוי בין איך קיינמאָל ניט געווען, ווייל איך בין אַ געמלטער. איר פאַרשטייט?... בין איך שטענדיק געווען האַלב איד און האַלב גוי... ניט גאָר קיין איינגענעמע לאַגע... אָבער מיין זון, ריכאַרדן, האָב איך ניט געמלט. איך האָב ניט געוואָלט שווער מאַכן אים דאָס לעבן. איך האָב געוואָלט ער זאָל זיין אַ גאַנצער גוי, איר פאַרשטייט?... און איצט איז ביי מיין זון געבאָרן געוואָרן אַ אינגל, און אויפן ברית האָט מען מיך מכבד געווען מיט סנדק, צי פאַרשטייט איר מיך ווי געהערק, מיין חשובער פריינט? אָט בין איך געזעסן און געהאַלטן אויף מיינע קני דאָס קינד און האָב געפילט אַז אויך מיין זון האַלט איך אויף די קני צוזאַמען מיט מיין אייניקל; אויך זיין ברית קומט איצט פאָר... פאַרשטייט איר מיך ווי געהעריק, מיין ליבער פריינט? עס איז געווען אַ צווייענדיקער ברית... ניין, ניין! מען קען זאָגן אַ דרייענדיקער ברית, איך אַליין, דער אַלטער זיידע, האָב דאָך איצט אויך דורכגעמאַכט אַ ברית... כאַ־כאַ־כאַ...

דער אַלטער האָט געלאַכט מיט אַן אויפרודערנדיקן געלעכטער און האָט אָפּגעווישט אַ טרער פון אויג.

פונקט דעמאָלט איז צוגעקומען ריכאַרד זיין זון און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— מזל טוב, טאַטע — האָט ער צו אים געזאָגט אויף העברעאיש.

— מזל טוב — האָט געענטפערט דער אַלטער. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צוזאַמען מיטן זון אָפּגעבן מזל טוב צום דריטן פון ברית, צום קינד.

(„מבחר ספורי ישראל")

„סביבה" — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
SEVIVA — LITERARY QUARTERLY
Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy
*Editor*: K. Molodowsky, 570 Grand Street, New York 2, N. Y.
[PRINTED IN U·S·A] 253

# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

ה. לייוויק

די נאָמענלאָזע כרובים פון דער ליטעראַטור.............ק. מאָלאָדאָווסקי 3
נאַכט, וואַשינגטאָן הייטס (ליד).............................אהרן צייטלין 8
דער שיינער ליגן.............................ישראל עמיאָט 8
לידער.............................רחל ה. קאָרן 10
ליטעראַטור ביי אַ פאָלק פון תורה.............שמחה לעוו 11
לידער.............................גבריאל פרייל 16
„פון יענער זייט ליד" איז דאָס ליד.............אפרים אויערבאַך 18
„קלאָגערקעס" (דערציילונג).............................ריקודה פאָטאַש 23
צוויי לידער.............................מ. אָליצקי 25
די תנ"ך טעמאַטיק אין דער ליטעראַטור.............שמואל איזבאַן 27
אהבת ישראל און מעשה מרכבה (ארום אליעזר
שטיינמאַנס ווערק וועגן חסידות).............משה שטאַרקמאַן 32
לידער.............................קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 37
וואו נעמט מען אַ דירה? (דערציילונג).............יהודה בורלא 41
צוויי יאָר „סביבה".............................48

נומער 8
טבת, תשכ"ג יאַנואַר, 1963
ניו־יאָרק, נ. י.